# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 2 - October 1951 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8rx9h5hn

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 2(1)

### Publication Date
1951

### Copyright Information
Copyright 1951 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

1951 2

# חשבון

# 25 יובל

לאס אנגעלעסער
יידישער קולטור קלוב

תשי"ב - לאס אנגעלעס - 1951

Roosevelt Hall
162½ Perry ave

# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*25th Anniversary*

*1926 • 1951*

# חשבון

רעדאַקטירט:

**ה. רויזענבלאַט**

**י. פֿרידלאַנד**

מיטהילף — א. באביטש און א. טענענהאָלץ

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע ● אָקטאָבער 1951 ● ה׳תשי״ב

# אינהאַלט


דער יובל־בוך — — — — — — — — — — — — רעדאַקציע

25 יאָר לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב — — — — — י. פרידלאַנד

דער גלגל החוזר פון יידישער דערציאונג — — — — — — — ה. רויזענבלאַט

די יידישע קהילה ביבליאָטעק — — — — — — — — — — — א. וואָלף

„די אוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם" — — — — — — — לעאָ סיימאָן

די ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג — — — — — — — דוד ברידזשער

פאַראייניקטע מיטל־שול אין לאָס אַנגעלעס — — — — — ד"ר ז. קורמאַן

יידיש קינדער טעאַטער אין לאָס אַנגעלעס — — — — — — מאַקס האַלצמאַן

לאָס אַנגעלעס און דאָס יידישע בוך — — — — — — — — א. סופר

צייטונגען און זשורנאַלן אין לאָס אַנגעלעס — — — — — — — — — — י. פ.

פינף־און־צוואַנציק יאָר „ייווא" אין לאָס אַנגעלעס — — — — — — — יצחקי

שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר ? — — — — — — — — אליהו טענענהאָלץ

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב — אַ מכניס־אורח — — אסתר שומיאַטשער

דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג — — — — — — — — מ. פאָגעל

יידישע ביבליאָטעק ביים ל. א. יידישן קולטור־קלוב — — —<br>רשימה פון ליטעראַרישע שבת־צו־נאַכטן און אַנדערע אָוונטן פון 25טן זמן, 1950-51, ביים קולטור־קלוב — — — } א. אייגענער

יידישע אַרבעטער אָרדנס אין לאָס אַנגעלעס, צונויפגעשטעלט פון א. באַביטש

קינדער־שולן ביי יידישן פאָלקס־אָרדן — — — — — — — — — — א. מ.

דער וועג פון איקוף אין לאָס אַנגעלעס — — — — — — שלמה י. בעלסקי

אַ פאַרדינסטפולער יובילאַר — — — — — — — — — — קלמן מרמר

פרויען לייען קרייזן ביים איקוף אין ל. א. — — — — — — — נאַדיאַ לון

זעלבסטשטענדיקע לייען־קרייזן אין ל. א. — — — — — — סימאַ גאָלדבערג

דער יידישער קאָמיוניטי צענטער ביים ים — — — — — — — — — ל. מ־ך

קולטור טעטיקייטן אין די ביי־סיטיס — — — — — — — מ. פאַגאָרעלסקי

געזעלשאַפטלעכער באַדייט פון דער יידישער ראַדיאָ — — זלמן זילבערצוויג

אין אַנדענק פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע.

באַגריסונגען פון אָרגאַניזאַציעס, שרייבער און קולטור/עסקנים: קלמן מרמר, ש. מיללער, כאַווער־פּאַוער, פּיטער מ. קאַהן, און אַנדערע

לאָס אַנגעלעסער יידישער קאָמיוניטי קאָונסיל — — — — — אַהרן ריטש<br>ש. מיללער — כאַווער־פּאַוער — פּיטער מ. קאַהן — און אַנדערע

# באַאַמטע און אַקטיוו פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

פאַר דעם יאָר תש"יב — 1951-52

| | |
|---|---|
| ה. רויזענבלאַט | ערן פרעזידענט |
| י. פרידלאַנד | פרעזידענט |
| א. באַביטש | וויצע פרעזידענט |
| ב. צוקערמאַן | וויצע פרעזידענט |
| מ. ל. קאפעלאף | פינאַנץ סעקרעטאַר |
| א. שוואַרץ | קאַסירער |
| מיני שוואַרץ | פראַטאָקאָל סעקרעטאַר |
| א. אייעראַף | ענגלישער סעקרעטאַר |
| ש. ברייניז | סעקרעטאַר פון אַרכיוו |
| ש. און ציליע צוקערמאַן | קלוב פאַרוואַלטער |
| י. סקאַקאָווסקי | בריוו פאַרוואַלטער |
| ס. רובין | ביבליאָטעק און אַרכיוו |
| מ. ווינאַרסקי | טראַסטי |
| א. טענענהאָלץ | טעאַטער גרופּע דירעקטאָר |
| פינטשע בערמאַן | מיטגליד פון אַרכיוו |
| יעקב ניומאַן | מיטגליד פון אַרכיוו |
| מ. פאַרבער | מיטגליד פון אַרכיוו |

# דער יובל־בוך

צו דער פּאַסיקער געלעגנהייט, ווי אַזאַ וויכטיקע דאַטע פון 25 יאָר לעבן און ווירקן אין אונדזער היגן יידישן קולטורעלן לעבן, האָט דער יידישער קולטור־קלוב אַרויסגעגעבן אַט־דעם יובל־בוך. אַט־דער באַשיידענער בייטראַג צו דער געשיכטע פון יידישער קולטור טוּאונג דאָ אין שטאָט, איז געבראַכט געוואָרן מיט דער איינציקער כוונה, כדי צו באַקענען אונדזערע יידן, סיי דאָ אין אונדזער אייגענעם ישוב און סיי די יידן מחוץ אונדזערע גרעניצן, מיט אונדזערע קולטור־אַנשטאַלטן, טעטיקייטן און אַקטיוויטעטן.

דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב קומט בפירוש אַ יישר־כּוח פאַר אונטער־נעמען די דאָזיקע אַרבעט און אָביעקטיוו פאַררעגיסטרירן אַט־די אַלע אָנפירנ־דיקע שפּעדישע קולטור אינסטיטוציעס; זייער קולטור מצב, זייער איינפלוס און חשובן אָרט־וואָס זיי פאַרנעמען אין דעם היגן קהלשן לעבן.

נאָענטע האָבן אונדז אַפילו געפרעגט, וואָרום טוען מיר עס? איז עס ניט מחוץ הדרך הטבע? געוויינטלעך ווערט אַ יובל־בוך פון אַ יידישער אָרגאַניזאַ־ציע מערסטנס אויסגעפילט מיט שבחים פון און פאַר דער אייגענער אָרגאַני־זאַציע—דעם בעל־היובל.

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב איז אין דעם פּרט אַ יוצא מן הכלל; טאַקע צוליב זיין איבערפּאַרטייאישער קולטור־פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט אין היגן יידישן לעבן.

אין דעם געשיכטלעכן איבערזיכט פון דעם קולטור־קלובס אַקטיוויטעטן פאַר דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט, ווערט בולט אַרויסגעבראַכט זיין פּרצוף־פּנים, זיינע מעשים און נסיונות, זיינע אויפטואונגען און דערגרייכונגען. פון דעם וועט דער לייענער באַקענען זיך אַלזייטיק מיט דעם געשיכטלעכן גאַנג פון קולטור־קלוב; זיין פּראָגראַם און „אני־מאמין". גלויבן מיר, לכן, אַז ס'איז גענוג! זאָלן די מעשים ריידן פאַר זיך אַליין. מיר האַלטן אָבער פאַר זייער וויכטיק און אפשר היסטאָריש נויטיק, אַז די יידישע וועלט זאָל וויסן וועגן אונדזער וואַקסנדיקן, גרויסן יידישן ישוב, אין דעם ווייטן מערב פון דער זוניקער קאַליפאָרניע, בעיר לאָס אַנגעלעס. בכן, האָבן מיר טאַקע איינ־געלאַדן די מערסטע חשובע יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס, ווי אונדזערע געסט, צו באַטייליקן זיך מיט באַשרייבונגען וועגן זייערע אַנשטאַלטן און טעטיקייטן.

מיר האַלטן אַז די אַלע אַרטיקלען וואָס גייען אַריין אין דעם זשורנאַל: ווי די ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, די יידישע קהילה ביבליאָטעק, די „אוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם", מיטלשול און קינדער־טעאַטער, 25 יאָר „ייוואָ" אין ל. א., דאָס יידישע בוך, זשורנאַל און צייטונג אין ל. א., דער גלגל החוזר אין אונדזער יידישער דערציאונג, קאָמיוניטי קאַנסל, און אַנדערע, זיינען וויכטיקע בלעטער צו דער געשיכטע פון אונדזער יידישן קהילה־לעבן דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

אַט־דעם דאָזיקן יובל־בוך, מיט דעם שלל אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל וועגן אונדזער יידישן ישוב און זיינע אינסטיטוציעס, טראָגן מיר צו ווי אַ מתנה דער יידישער קהילה.

אַט־דער באַשיידענער בייטראַג וועט, לאָמיר האָפן, קענען דינען ווי אַ שליסל צו אַ גרעסערער פאָרש־אַרבעט, וועגן דעם געשיכטלעכן גאַנג און אַנטוויקלונג פון דעם יידיש געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן מצב ביי אונדז דאָ, ביים פּאַסיפיק.

**רעדאַקציע**

י. פרידלאַנד

# פינף-און-צוואַנציק יאָר לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

(געשיכטלעכער איבערזיכט)

מיט אַ 25 יאָר צוריק, אינם יאָר 1926, ווען אויף דער יידישער גאַס האָט זיך שטאַרק צעפלאַקערט דער אַזוי־גערופענער קאַמף צווישן די יידישע פּאַרטיי־ריכטונגען פון „לינקע און רעכטע", האָט אַ קליינע גרופּע פון ניט־פּאַרטייאישע קולטור־מענטשן, ניט וועלנדיק צעריבן ווערן צווישן די מיל־שטיינער פון די פּאַרטייען, פאַרטראַכט צו גרינדן אַן איבער־פּאַרטייאישן יידישן קולטור־קלוב, אין וועלכן דער יידישער מענטש זאָל ביכולת זיין צו פאַרווילן אין אַ יידישער קולטור־סביבה און גייסטיק קולטורעל זיך דאָרט אויסלעבן.

די גרינדער פונם יידישן קולטור־קלוב: אליהו טענענהאָלץ, ב. ווינער, א. וואָהלמאַן, דר. ב. זאַלצמאַן, ל. האַמבורגער און י. מאַלאַמוד, האָבן צו יענער צייט פאַראינטערעסירט אַ צאָל אינטעליגענטע כוחות, וועלכע זיינען פריי געווען פון ענג־פּאַרטיי אַנגעהעריקייט, אָבער מיט אַן ערנסטער איבערגעבנקייט פאַרן יידישן וואָרט, פאַר דער יידישער קולטור און אירע שעפער. די פּראָגראַם פונם קולטור־קלוב האָט זיך נאָכדעם בהדרגה'דיק אויסקריסטאַליזירט און האָט אָנגעהויבן אַרויסצואוויזן אַ באַשטימטן פרצוף־פנים. ניט זייענדיק צוגעבונדן צו קיין באַשטימטער פּאַרטיי אָדער אָרדן, אויך ניט זייענדיק אונטער דער אויפ־זיכט אָדער השפּעה פון אַ צענטראַלער קולטור־קערפּערשאַפט, האָט דער קולטור קלוב, די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטירן, אַנגעפירט און אַנטוויקלט אַן אייגנ־אַרטיקע, זעלבסטשטענדיקע קולטור אַקטיוויטעט.

פאַר די 25 יאָר האָט דער קולטור־קלוב, יאָר־איין יאָר אויס, און וואָך־איין וואָך־אויס, פּלאַנמעסיק דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, כלערליי לעקציעס, יידישע קאָנצערטן, שרייבער אָוונטן, יידישע קונסט און ביכער אויסשטעלונגען און פייערונגען פון אונדזערע יידישע יום־טובים. ביי די אַלע אָוונטן האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אונדזער פאַרצוייגטער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער, און גייסטיק הנאה געהאַט פונם געזונגענעם יידישן פאָלקס־ליד; פרעכטיק פאָרגע־טראָגן פון אונדזערע היגע יידישע קינסטלער: פייגעלע פאַניץ, מאַרטאַ צייטלין, חיים קאַטיליאַנסקי, פּראָפעסאָר לעמקאָף, לייב גלאַנץ, העראָלד גרין, ה. רייכ־מאַן, און די חזנים: יאָסעלע ראָזענבלאַט, און גלאַדסטאָן, ע"ה.

במשך פון די 25 יאָר האָבן באַזוכט און אויפגעטראָטן אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב כמעט יעדער יידישער שרייבער, קינסטלער און געלערנטער

פון באַדייט, וועלכער איז נאָר צוגעקומען צו אונזער פּאַסיפישן ברעג, און אַלע, פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין יידישן לעבן, אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי: ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ש. יאַנאָווסקי, ברוך גלאַזמאַן, ש. פּעטרושקאַ, פּרץ הירשביין ע״ה, און די לעבעדיקע צו לאַנגע יאָר: ה. לייוויק, י. י. שוואַרץ, זלמן שניאור, גלאַנץ־לעיעלעס, אבא גאָרדין, רודאָלף ראָקער, ד״ר הערמאַן פראַנק, יואל ענטין, דוד פּינסקי, רפאל מאַהלער, מענדל עלקין, יעקב שאַצקי, יוסף רובינשטיין, חיים גראַדע, ז. וויינפּער, משה ליבמאַן, רבי זאַנדערלינג, און צענדליקע אַנדערע. חוץ, באַטירלעך, אונדזערע אייגענע חשובע תושבים שריפטשטעלער און דיכטער: ה. רויזנבלאַט, ש. מילער, אסתר שומיאַטשער, חיים שויס, קלמן מרמר, פּנחס בערמאַן און י. נאַאומאָוו, ב. גרינפעלד, ד״ר לעאָ בלאָס, ישראל אָסמאַן און הירש גאָלד ע״ה.

אין דעם רייסטער פון זיין קולטור פּראָגראַם האָט דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב אויך אַריינגענומען די טעטיקייט פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער אין לאָס אַנגעלעס. ווען אַזאַ פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן, האָט דער קולטור־קלוב גענומען אַ ניט וויניק טיכטיקן אנטייל. חוץ דעם האָט דער קולטור־קלוב כסדר מקרב געווען די מערסטע יידישע אַרטיסטן, סיי ווען זיי האָבן דאָ גאַסט־ראָלירט און סיי די, וועלכע זיינען דאָ פאַרבליבן ווי תושבים. אַזוי זיינען דאָ אין קלוב אויפגעטראָטן די שוין איצט פאַרשטאָרבענע גרויסע קינסטלער: מאָריס מאָסקאָוויטש, רודאָלף שילדקרויט, גוסטאַוו שאַכט, וואָלף גאָלדפאַדן, לאַזאַר פריד, אַלעקסאַנדער גראַנאַך ע״ה, און די לעבעדיקע צו לאַנגע יאָר: פּאָול מוני, בעלאַ פּינקל, מאָריס שוואַרץ, בן־עמי, וויינאַגראַדאָוו, באַראַטאָוו, נח נאַכבוש, ווענדראָף, חנה אפּעל, מאָלי פּיקאָן, יעקב קאַליך, קורט קאַטש, און אונדזערע היגע חשובע קינסטלער: אליהו טענענהאָלץ, משה שטראַסבערג, אַברהם זיגלבוים, י. ברזלי און אַנדערע.

אינם יאָר 1946, ווען דער קולטור־קלוב האָט אויפגעבויט זיין אייגענעם פּראַקטיקן בנין מיט אַ קליינער טעאַטער־בינע, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ טעאַטער גרופּע פון דערוואַקסענע, אונטער דער רעזשי פון אליהו טענענהאָלץ, וועלכע פירט אויף, פון צייט צו צייט, קליין־קונסט אָוונטן און טעאַטער פאָר־שטעלונגען.

פון די אויבן אויסגערעכנטע כלערליי שריפטשטעלער, קינסטלער, וויסנ־שאַפטלער און געלערנטע, וועלכע זיינען אויפגעטראָטן אין משך פון די יאָרן אין יידישן קולטור־קלוב, ווערט בולט קלאָר געגוג פאַר יעדן, אַז דער יידישער קולטור־קלוב האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכנט מיט די פּאָליטישע אנשויאונגען פון דעם אָדער יענעם פּערזאָן, אויב ער האָט נאָר ניט אויסגענוצט אונדזער גוטן ווילן און די פּלאַטפאָרמע פאַר פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע.

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב האָט זיך טאָקע צוליב דעם קונה־שם געווען מיט זיין איבערפּאַרטייאישער קולטור אַקטיוויטעט איז ער באַוואוסט

געוואָרן ניט נאָר אין לאָס אַנגעלעס, נאָר אין אַ סך ישובים פון דער יידישער אַמעריקע און טיילווייז אויך אין אייראָפּע און אין ישראל. צוליב זיין ערנסטע באַציאונג צו אַלע אונדזערע יידישע קולטור־פּראָבלעמען און בערך צוליב זיין מאָראַלישע און פינאַנציעלע הילף, צו די מערסטע פון אונדזערע קולטור־נויטן און אַנטשטאַלטן, איז דער קולטור־קלוב געוואָרן דער אַדרעס פון דער יידישער קולטור באַוועגונג אין לאָס אַנגעלעס.

פינף־און־צוואַנציק יאָר לעבן פון אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם מין און קאַליבער, ווי דער קולטור־קלוב, איז אַ גאַנץ היפּשע צאָל, און אפילו אַ מדרגה, ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַז דער קלוב איז ניט קיין אָפּטייל פון אַ פּאָלי־טישער אָרגאַניזאַציע, אָדער אַ צווייג פון אַ פראַטערנאַלן אָרדן. דער קולטור־קלוב איז די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטירן געווען און פאַרבליבן אַ זעלבסט־שטענדיקע גרופּע, וואָס לעבט און ווירקט, ניט אין דעם זכות פון דעם אָדער יענעם סאָציאַל־פּאָליטישן אידעאָלאָג אָדער טעאָרעטיקער; די גייסטיקע יניקה און עקזיסטענץ באַרעכטיקונג ציט ער פון אונדזער אַלגעמיינער יידישער קולטור — אַ קולטור וואָס ווייסט ניט פון קיין ליניעס, ריכטונגען אָדער פּאַר־טייען. אונדזערע אמתע יידישע קולטור־ווערטן און אוצרות וואָס זיינען גע־שאַפן געוואָרן פון דורות, און די וואָס ווערן איצט געשאַפן, פון אונדזערע בעסטע יידישע גייסטער, פאַרשער און דענקער; אויף דער קולטור האָט, לעת עתה, קיין פּאַרטיי נישט קיין קאָנטראָל אָדער חזקה. עכטע יידישע קולטור קאָן נישט און טאָר נישט זיין פּאַרטייאיש אָדער סעקטאַנטיש. אָט אין דעם זכות פון אונדזער וואונדערבאַרער, פון דורות איינגעוואָרצלטער עכטער יידישער קולטור, לעבט און עקזיסטירט דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב. זי איז זיין לייטנדיקער גייסט, זיין פּראָגראַם, זיין קיום און המשך.

ס'איז דעריבער ניט צו וואונדערן זיך, וואָס דער קולטור־קלוב איז גע־בליבן פון די וועניקע יידישע פאָלקס אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן צו דער שפּראַך אַסימילאַציע, וואָס באַהערשט לעצטנס אַזוי שטאַרק אונדזער יידישע גאַס. — ערנסט, אויפריכטיק און מיט חשיבות האָט ער אָפּגעהיט די ריינקייט פון אונדזער מאַמע־לשון; געשטיצט און פאַרשפּרייט דאָס יידישע בוך, דעם יידישן שול־וועזן, דעם „ייוואָ" און אַלץ וואָס איז יידיש קולטור־שעפעריש. אין משך פון די 25 יאָר האָט דער קולטור־קלוב אויך באַוויזן אויפצובויען און אויפהאַלטן אַ פּרעכטיקן קולטור־צענטער, מיט אַ צירקולירנדיקע יידישע ביבליאָטעק און בכלל געשאַפן דאָ אין שטאָט אַ היים פאַר דעם ריינעם יידישן וואָרט.

ניט גאָר גרינג איז פאַר איבערפּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע, ווי דער קולטור־קלוב, צו לעבן, ווירקן און אַקטיוו זיין אויף דער יידישער גאַס, וועלכע איז אַזוי שטאַרק באַווירקט און באַהערשט פון די פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען און פּאַרטייען . . . כידוע, זוכט יעדע פּאַרטיי, אויף איר אופן, צו האָבן די העגעמאָניע איבער די יידישע פאָלקס־מאַסן און צוליב דעם טאָקע

איז נאָך לעת־עתה ניט געלונגען צו אַנטוויקלען און אָנהאַלטן, דאָ אין אַמעריקע, אַ פּראָדוקטיוו־שעפערישע קולטור באַוועגונג אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

וואָלט אונדזער יידישער קולטור אַפּאַראַט לכתחילה אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף איבערפּאַרטייאישע קולטור־יסודות, וואָלט דער פּרצוף־פּנים פון אונדזער יידישער קולטור באַוועגונג אין אַמעריקע געווען אַ גאַנץ אַנדערער. מ'וואָלט דאָ אויך געקאָנט האָבן אַ דערפאָלגרייכן פונקציאָנירנדיקן ביכער־פאַרלאַג, אַ בעסער יידיש טעאַטער און בכלל אַ סך גרעסערע און ממשות־דיקערע דערגרייכונגען אויף די מערסטע קולטור געביטן.

אָבער מאַלע וואָס מע וואָלט געקענט ! . . .

די ביז־איצטיקע כלערליי פאַרזוכן פאַר פּאַראייניקטער און געמיינזאַמער קולטור־טוּאונג, סיי אויף אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם און סיי לאָקאַל, זיינען צום באַ־דויערן געווען גיט געלונגענע. די „יידישע קולטור געזעלשאַפט", דער אַל־וועלטלעכער יידישער קולטור פאַרבאַנד „איקוף" און נאָכדעם די צענטראַלע יידישע קולטור אָרגאַניזאַציע „ציקאָ", און לעצטנס אַפילו דער „אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס"—אָט די ערנסטע און אויפריכטיקע פּרוואוון צו פאַראייניקן די קולטור שעפערישע כוחות אונטער איין אַרבעט־פעאיקן אַפּאַ־ראַט איז, ליידער, לעת־עתה, ביי אַ סך געבליבן ניט מער ווי אַ פרומער וואונטש.

אויך דער ל. א. יידישער קולטור קלוב האָט אויף אַ לאָקאַלן אופן געמאַכט אַזעלכע פּרוואוון. אונטער זיין איניציאַטיוו איז מיט אַ צענדליק יאָר צוריק פאַררופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס דאָ אין שטאָט, כדי מיט פאַראייניקטע כוחות אויסברייטערן און פאַרטיפן אונ־דזערע יידישע קולטור אַקטיוויטעטן. די קאָנפערענץ איז געווען אַ דריי־שפּראַכיקע: יידיש, העברעאיש און ענגליש. (נעמענדיק אין באַטראַכט אונ־דזער יוגנט). דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואו אונדזערע דריי שפּראַכן האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף אַ פאַראייניקטער פּראָגראַם לטובת אונדזער יידישער קולטור. ליידער האָט אויך די פאַראייניקונג ניט געהאַט קיין אַריכת ימים: מער ווי די דורכפירונג פון אַ „בוך־חודש" און עטלעכע באמת אינטע־רעסאַנטע יידישע ליטעראַטור און קונסט אָוונטן, האָט מען ניט באַוויזן. נאָך דעם „בוך־חודש" האָט יעדע גרופּע ווידער אָנגעהויבן מאַכן „שבת פאַר זיך" און לגמרי פאַרגעסן אין דער גרויסער פּלאַנירטער און געמיינזאַמער קולטור פּראָגראַם.

דאָך זוכט דער קולטור־קלוב עד היום די געלעגנהייט מיטצואַרבעטן מיט אַזעלכע קולטור גרופּן דאָ אין שטאָט, וועלכע האָבן באמת אין זינען יידישע קולטור טואונג, אָן וועלכע ס'איז זייטיקע כוונות. דער קולטור־קלוב האָט אויף אַזאַ אופן דורכגעפירט אַ צאָל אָוונטן בשותפות; אַ פּאָר יום־טובים פייערונגען מיט דער פאַראייניקטער מיטל־שול; ליטעראַטור אָוונטן, מיט „ביכער קאָמי־טעטן"; ש. מילערס בוך קאָמיטעט, צו דער דערשיינונג פון זיין בוך „דור המדבר" מיט דעם י. פרידלאַנד בוך קאָמיטעט, צו דער דערשיינונג פון זיין בוך „רוי־ערד"; פאַראייניקטע ליטעראַטור אָוונטן, מיט דער „ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג" און „הסתדרות עברית" אין דעם „חודש פון יידישן בוך."

אויך אויפן פאַרלעגערישן געביט האָט דער קולטור קלוב געמאַכט עט־לעכע פּרוואוון: אין משך פון די יאָרן האָט דער קלוב אַרויסגעגעבן ניט פּעריאָ־

דישע אויסגאַבן: בולעטינען און ידיעות פון קולטור אַקטיוויטעטן, ביים קלוב און אין שטאָט; און אין יאָר 1939 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ חודש־שריפט פאַר קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע ענינים, „אונדזער וואָרט." די שריפט איז רעדאַקטירט געווען פון אַ קאָלעגיום: ה. רויזענבלאַט, ה. גאָלד ע"ה, און י. פרידלאַנד. אויב די שריפט האָט ניט געהאַט קיין אַריכת ימים (4 נומערן בלויז) איז עס ניט געווען די שולד פון קלוב, נאָר גיכער איז עס די אַפּאַטישע און ביטולדיקע באַציאונג צו יידיש בכלל. צוליב דערזעלביקער סיבה איז אונדזער גרויסע יידישע לאָס אַנגעלעס לחלוטין געבליבן אָן אַ יידישער שריפט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר.

אינם יאָר 1946, לכבוד דעם אויפבוי פון דעם פּרעכטיקן נייעם אייגענעם בנין, האָט דער קולטור קלוב אַרויסגעגעבן אַ זייער פיינעם ליטעראַרישן זשורנאַל „חשבון" (120 ז"ז), מיט געזעלשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע אַרבעטן; רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיום: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און א. טענענהאָלץ.

אינם יאָר 1949, צו דער געלעגנהייט פון דער דערעפענונג פון זיין נייער ביבליאָטעק, האָט דער ל. א. קולטור קלוב אַרויסגעגעבן אַ קונסט־אַלבאָם: „סטודיאָ" מיט קונסט שאַפונגען פון די באַוואוסטע מאָלער: מאַקס באַנד, באָריס דייטש, קאָוונער־גראַדסקי, און האָלץ סקולפּטורן פון בערל סאָט.

אויף דעם געביט פון ביכער אַרויסגעבונג האָט דער קולטור קלוב אינם יאָר 1929 מיטגעווירקט אין דער אַרויסגאַבע פון יחזקאל א. מ. בראַנשטיינס בוך לידער: „פון דער פרעמד". אינם יאָר 1935 אַרויסגעגעבן דאָס בוך: „לעגענדן און מעשהלעך" פון חיים גאָלדבלום ע"ה, און אין 1949 איז דער קולטור קלוב געווען אינסטרומענטאַל און אַ סך מיטגעווירקט צו דער דער־שיינונג פון י. פרידלאַנדס בוך „רוי־ערד."

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר ווערט כמעט יעדער ניי־דערשינען בוך פון אַ לאָס אַנגעלעסער יידישן שרייבער אויפגענומען פון קולטור קלוב דורך אַ פאַסיקן ליטעראַטור אָוונט און אויך אַ געלט־מתנה צום באַטרעפנדן שרייבער.

אויך אונדזערע היגע חשובע שרייבער, די פּרעמירטע פונם „לאַמעד פאָנד": ש. מילער, פאַר זיין בוך „דור הפלגה", און ה. רויזענבלאַט, פאַר זיין בוך „אין שאָטן פון מיין בוים", זיינען מיט פייערלעכקייט אויפגענומען געוואָרן בשעתו, ביי באַזונדערס פיינע ליטעראַרישע קינסטלערישע אָוונטן.

פאַר די 25 יאָר פון דעם קלובס עקזיסטירן איז ער כסדר געווען זעלבסט־שטענדיק אין זיין דענקען, איבערפּאַרטייאיש אין זיין פירונג און באין אופן זיך ניט געלאָזן באַאיינפלוסן פון דער אָדער יענער פּאָליטישער ריכטונג אין יידישן לעבן. די דרויסנדיקע, באַזונדערס די פּאַרטיי־מענטשן, האָבן ניט כסדר אונדז פאַרשטאַנען אָדער געוואָלט פאַרשטיין. פלעגן זיי טאַקע אונדזערע האַנד־לונגען און באַציאונגען צו זאַכן און פּאַסירונגען זייער אָפט „אויסטייטשן און אַריינטייטשן." אַזוי, למשל, האָבן די עקסטרעמע „רעכטע" פון אַלע שאַטירונ־גען, צו אַ געוויסער צייט אונדז באַטיטלט: „לינק", מחמת, לויט אונדזער איינשטעלונג, האָבן מיר אויך איינגעלאַדן לינק־אָריענטירטע שריפטשטעלער און געלערנטע. אויך אין דער צייט ווען ס'איז געמאַכט געוואָרן דער גרויסער פּרוּוו צו פאַראייניקן אַלע קולטור־שעפערישע כוחות אין איין קולטור־

פאַרבאַנד, און אין דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, בשעתו אָפּגע־האַלטן אין פּאַריז, האָבן אויך אנטייל גענומען די מערסטע פון אונדזערע חשובע שרייבער און דיכטער, ווי: ה. לייוויק, אַפּאַטאָשו, מוקדוני, הירשביין ע״ה, און צענדליקע אַנדערע, האָט דער קולטור קלוב דאַן אַזאַ פאַראייניקונג פאַרהער־לעכט און דערמוטיקט, און אַליין אויך זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג. מיר האָבן זיך שפּעטער, צוליב באַוואוסטע סיבות, פון דער באַוועגונג צוריק־געצויגן, ניט וועלנדיק אַריינגעצויגן ווערן אין אַ פּאָליטישן פּלאָנטער; אָבער באַצייכנט ווי „לינקע״ האָבן אונדז די רעכטע סיי ווי. די „לינקע״ ווידער, פון זייער זייט, האָבן געהאַלטן, אַז מיר זיינען „רעכטע״ אָדער גאָר בורזשואַזע ציוניסטן! מחמת אונדזערע דערקלערונגען, ביי געלעגנהייטן, וועגן אונדזער פּאָזיטיווער באַציאונג צום יידישן לעבן און דאָס רעכט און שטרעבן פאַר אַ יידיש היימלאַנד אין ארץ־ישראל.

איז ווי איך זעט, „שווער צו זיין אַ ייד״! יאָ, זייער שווער איז פאַר אַן איבערפּאַרטייאישער קולטור־גרופּע אויסצובויען איר אַקטיוויטעט אויף אַ מאַסן מאַסשטאַב, אויב זי וויל גיין איר אייגענעם פרייען וועג, ניט דיקטירט פון פּאַרטיי איינפלוסן...

אונדזער ענטפער איז כסדר געווען און איז אויך איצט דער זעלביקער:—

> דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב איז געווען, איז, און מיר האָפן ער וועט ווייטער אַזוי זיין: ניט „רעכט״סאָציאַליסטיש (אין זין פון פּאַרטיי) און ניט „לינק״־קאָמוניסטיש; דער קולטור־קלוב וועט, ווי ביז איצט, אָנפירן מיט זיין איבערפּאַרטייאישער קולטור טעטיקייט, העלפן און שטיצן אַלץ וואָס איז יידיש, נאַציאָנאַל און קולטורעל; האַלטן הויך אונדזערע יידישע אַספּיראַציעס, העלפן דערהויבן דעם יידישן קולטור מצב און טריי זיין די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואו און אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן ניט זיין. נאַטירלעך, איז די עטאַבלירונג פון אונדזער יידישער מלוכה, י ש ר א ל, פאַר אונדז ווי פאַר דעם רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק, אַ גרויסע היסטאָרישע געשעעניש, וועלכע מיר האַלטן פאַר זייער הייליק און שטאַרק אינספּירירנדיק.

הגם אונדזער וועג פאַר דעם פאַרגאַנגענעם פערטל יאָרהונדערט איז ניט כסדר געווען אויסגעלייגט מיט בלומען; מיר האָבן געהאַט—ווי די מערסטע יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס—ניט ווייניק שוועריקייטן און שטרויכלונגען; דאָך זיינען מיר די אַלע יאָרן עקשנותדיק געשטאַנען ביי דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט, און כסדר געמונטערט און גערופן דעם יידישן קולטור מענטשן און טוער, ער זאָל אַריינקומען אין אָט־דער איבערפּאַרטייאישער קולטור אָרגאַ־ניזאַציע און באַהעפטן זיך מיט אָט־דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט. אונדזערע טירן זיינען כסדר געווען ברייט אָפן פאַר אַלעמען. מיר האָבן קיינמאָל און ביי קיינעם געפרעגט זיין פּאָליטישן פּאַספּאָרט; מיר האָבן אַלעמען מיט פרייד געגרן אויפגענומען און אויסגעהערט קאָנסטרוקטיווע מיינונגען און נייע פּלע־נער פאַר אַ גרעסערער מאַקסימאַלער קולטור־טוּאונג. אמת, זייער אָפט איז אונדזער קול געפאַלן אויף טויבע אויערן, אָבער מיר זיינען ניט מיד געוואָרן. צו אונדזער פרייד און טרייסט האָבן אַ ניט קליינע צאָל יידישע יידן, פאָלקס־מענטשן, זיך צו אונדז צוגעהערט; זיי זיינען געוואָרן אונדזערע אַספּיראַנטן, די בויער און שטיצער פון יידישן קולטור־קלוב. געאייניקט און מיט אַחריות

האָבן מיר אָפּגעהיט און אָנגעהאַלטן אונדזער געוואונענעם פּרעסטיזש און קולטור־פּאָזיציע מיט חשיבות האָבן מיר אויפגעהאַלטן די קולטור־היים אונ־דזערע, וואָס איז אָפן פאַר יעדן יידישן מענטשן, וואָס געפינט זיין פרייד אין אויסלעבן זיך אין אַ ריין קולטורעלער יידישער סביבה.

איצט, נאָך 25 יאָר לעבן, שאַפן אוןווירקן, קענען מיר מיט ניט ווייניק שטאָלץ פאַרצייכענען אָט־די היסטאָרישע דאַטע. רעטראָספּעקטיוו זעען מיר אַז מיר האָבן דאָ, אין משך פון דעם סכום יאָרן, אויסגעפילט אַ געוויסן חלל אין היגן יידישן לעבן. מיר האָבן דאָ דורכגעפירט אַ קולטור־פונקציע, וואָס קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ביי זייער בעסטן ווילן, האָבן עס ניט געקענט דערגרייכן; צוליב זייער כסדרדיקע באַשעפטיקונג מיט פאַרשיידענע פּאָליטישע אַקציעס און „קאַמפּיינס", איז קולטור־טואונג געוואָרן ביי זיי אַ „ביי־פּראָדוקט" און האָט אָפטמאָל געדינט אַפילו זייערע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע צוועקן. דער קולטור קלוב אָבער האָט זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט אַ פּלאַנמעסיקער, אָרגאַניזירטער קולטור פּראָגראַם און אַקטיוויטעט; מחמת ער האָט געמאַכט קולטור טואונג פאַר זיין באַרוף, פאַר דעם תוך און עיקר פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ.

אונדזער אָפּהאַנדלונג וועגן 25 יאָר יידישן קולטור־קלוב וואָלט ניט געווען גאָר איינגאַנצן פאַרפולקאָמט, ניט באַרירנדיק דעם אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם אונדזערן: „יידישע יוגנט". קיין יידישע פאַראַנטוואָרטלעכע קולטור אָרגאַניזאַציע קען זיך ניט דערלויבן צו בלייבן גלייכגילטיק צו אָט־דעם זייער ערנסטן ענין. דאָס פּראָבלעם: יידישע יוגנט אין אַמעריקע איז כסדר געווען און איז איצט מער ווי ווען עס איז, אַן ענין פון ערנסטער דיסקוסיע. מיט דעם פּראָבלעם באַשעפטיקן זיך ניט נאָר אַקאַדעמיקער, שול־טוער און לערער, נאָר יעדער אויפריכטיקער יידישער קולטור־מענטש איז ניט ווייניק באַאומרואיקט וועגן דעם גורל און מצב פון אונדזער יידישער יוגנט. מיר האָבן געזען פאַר אונדזערע אויגן ווי דער רוב פון אונדזער יוגנט איז געבליבן ווי פאַרוואָר־לאָזט און געוואַקסן דאָ, ווי ווילד גראָז אויף אַ ניט צעאַקערט פעלד. דער קולטור קלוב האָט לכן, צו פאַרשיידענע ציטן, אין די 25 יאָר, געמאַכט ערנסטע פאַרזוכן, כדי צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט אַרום קלוב; ער האָט ניט געשפּאָרט קיין מי און אָנשטרענגונג אויפצוהאַלטן אַ יוגנט־גרופּע.

אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון קלובס עקזיסטירן, האָט אַ לענגערע צייט פונקציאָנירט אַ קינדער דראַמאַטישע סטודיאָ, אָנגעפירט פון דעם אַר־טיסט אליהו טענענהאָלץ. די קינדער זיינען געווען פון שול־עלטער, און זיי האָבן געהאַט אַ היפּשן אינטערעס אינם לערנען; די שפּיל, רעציטאַציעס און פאַרלייענונגען, האָט זיי שטאַרק אימפּאָנירט. ווען זיי זיינען עלטער געוואָרן איז דער אינטערעס ביי זיי שוואַכער געוואָרן און האָבן בכלל ניט געזען אין דעם קיין תכלית. אַגם עטלעכע פון זיי פלעגן ביי געלעגנהייטן אויך נאָכדעם אויפטרעטן מיט רעציטאַציעס און פאַרלייענונגען; אַזוי, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער דראַם־סטודיאָ איז ניט געגאַנגען לאיבוד.

אַ צווייטער פאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט אַרום קולטור־קלוב איז געמאַכט געוואָרן אינם יאָר 1936. דעם מאָל פון דערוואַקסענע יוגנטלעכע—זין און טעכטער פון אונדזער מיטגלידערשאַפט און פריינט פון קלוב. אויך דער גרופּע איז געגעבן געוואָרן אַלע מעגלעכקייטן און פּריווילעגיעס. מע האָט

געזוכט זיי צו פֿאַראינטערעסירן מיט יידיש וויסן, מיט יידישער געשיכטע וכדומה. אָבער קיין אַריכות ימים האָט די יוגנט־גרופּע ליידער ניט געהאַט.

אַ דריטער ערנסטער פֿאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט גרופּע אַרום קלוב איז געמאַכט געוואָרן אינם יאָר 1948, שוין אין אונדזער נייער אייגענער היים. ס'איז געווען תיכף נאָך דער פּראָקלאַמירונג פֿון אונדזער יידישער מלוכה. די שטימונג פֿון דער יוגנט איז געווען גענייגט צו יידיש וויסן און יידישע אינטערעסן. האָבן מיר אין שעת־הכושר ווידער אָרגאַניזירט אַ יוגנט־גרופּע. דאָס מאָל האָט זיך דווקא געוויזן קענטיקע צייכנס, אַז די גרופּע האָט פּאָטענצן צו אַנטוויקלען זיך צו אַ סטאַבילער יוגנט אָרגאַניזאַציע: ראשית, איז דער יוגנטלעכער עלעמענט באַשטאַנען ניט פֿון קינדער, נאָר פֿון דערוואַקסענע, אין עלטער צווישן 35 און 25 יאָר; שנית, האָבן זיי לכתחילה אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס פֿאַר יידישער ליטעראַטור, קולטור און מוזיק; און שלישית, האָבן מיר געגומען אין באַטראַכט דעם שפּראַך עלעמענט: די מערס־טע האָבן יידיש ניט געקענט און זייער ווייניק אַפּילו האָבן פֿאַרשטאַנען יידיש. מיר האָבן איינגעזען אַז מיר מוזן באַגעגענען אונדזער יוגנט מיט זייער שפּראַך און אָנהייבן פֿאַרשטיין איינער דעם צווייטן. האָבן מיר געבראַכט צו זיי יידישע קולטור־ווערטן, אוצרות פֿון אונדזער יידישער ליטעראַטור, יידישע אידעאַלן און געשיכטע, אין דער לאַנד־שפּראַך, וועלכע זיי האָבן פֿאַרשטאַנען אַמבעסטן. מיר האָבן געפֿילט אַז ס'איז פּשוט ניט פֿאַראַן קיין אַנדער ברירה! און אַז ס'איז ניט קיין סתירה, נאָר לאָגיש אויסגעהאַלטן, צו דערנענטערן אונדזער יוגנט צו די קוואַלן פֿון יידיש וויסן דורך דעם ענגלישן „מעדיום" איידער איר פֿאַרלירן פֿאַר אונדז גאָר אינגאַנצן...

פֿאַר די פּאָר יאָר, וואָס די יוגנט־גרופּע האָט פֿונקציאָנירט, האָט זי איינ־געאָרדנט אַ צאָל אינטערעסאַנטע לעקציעס איבער יידישער ליטעראַטור, מוזיק, געזאַנג און אַנדערע ענינים; האָבן זיך באַטייליקט אין די פֿייערונגען פֿון די יידישע יום־טובים, צוזאַמען מיט די עלטערן. מיר, פֿון דעם עלטערן קלוב, זיינען באמת זייער צופֿרידן געווען פֿון דער פֿיינער התחלה, און געהאָלפֿן דער יוגנט גרופּע פֿינאַנציעל און מאָראַליש.

לעצטען זמן איז די גרופּע באַדייטענד אָפּגעשוואַכט געוואָרן: דער מאַנגל אין יידיש־ענגלישער פֿירערשאַפֿט און פּערזענלעכע פֿאַרנומענקייט פֿון די פֿירנדיקע יוגנטלעכע, האָט געבראַכט צו דעם, אַז די יוגנט גרופּע האָט אויף דערווייל אָפּגעשטעלט איר אַקטיוויטעט, מיט דער האָפֿנונג ביי אַ גינסטיקערער געלעגנהייט זיך צו רעאָרגאַניזירן. מיר האָבן געלייגט גרויסע האָפֿנונג אויף אָט־דער יוגנט, אַז מיט דער צייט וועלן זיי ווערן באַוואוסטזיניקע יידישע קולטור אַספּיראַנטן און וועלן ביכולת זיין צו ווערן די „פֿירער פֿון מאָרגן" ביים יידישן קולטור־קלוב. מיר האָבן פֿאַרזיכערט די יוגנטלעכע, ווען זיי וועלן גרייט זיין זיך צו רעאָרגאַניזירן, וועלן די טירן פֿון קולטור־קלוב ווידער פֿאַר זיי זיין ברייט אָפֿן, און מיר וועלן זיי ווידער באַהילפֿיק זיין פֿינאַנציעל און מאָראַליש.

נו, אויב אונדז האָט זיך ניט איינגעגעבן, פֿאַר אַזאַ אָדער אַנאַנדער סיבה, אָנצוהאַלטן אַ יוגנט אַרום קולטור־קלוב, זיינען מיר אָבער כסדר גרייט געווען אַרויסצוהעלפֿן די געזעלשאַפֿטן וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער יוגנט און דערציאונג. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דער קולטור קלוב שטייט אין נאָענטער באַציאונג און קאָאָפּערירט מיט דער פֿאַראייניקטער מיטלשול, און זינט דער

אָרגאַניזירונג פונם יידישן קינדער טעאַטער, איז דער קולטור־קלוב געוואָרן זיין היים און סטודיאָ, פאַר דער צוגרייטונג פון זיין טעאַטראַלישן אויפטריט.

זאָל דאָ צום סוף געזאָגט ווערן: וואָס דער גורל פון אונדזער יידישער יוגנט זאָל ניט זיין — צי זיי וועלן זיין יידישע יידן, אין זין ווי מיר פאַרשטייען, אָדער יידיש־ענגלישע יידן, ווי ס'איז דער רוב פון זיי איצט — איין זאַך איז פאַר אונדז בפירוש קלאָר: דער ל. א. יידישער קולטור קלוב, באַשטייענדיק פון אַן עלעמענט ביי וועמען יידיש, יידיש דענקען, יידיש־שטייגער־לעבן איז אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין גאַנצן מהות־זיין, וועט בשום אופן זיך ניט אונטערגעבן צו דער שפּראַך אַסימילאַציע, וואָס האָט שוין אַזוי שטאַרק באַהערשט אונדזער יידישער עפענטלעכקייט.

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב וועט ווייטער, ווי אין דעם פאַרגאַנגענעם פערטל־יאָרהונדערט, ניט אָפּנויגן זיך פון זיין יידישער קולטור פּאָזיציע; ער וועט מיט חשיבות ממשיך זיין און אָפּהיטן דאָס יידיש לעבן, פלעגן און פאַרשפּרייטן דאָס יידיש וואָרט, פאַרטראָגן און הנאה האָבן פון דעם געזונגענעם יידישן פאָלקס־ליד און ליטעראַטור.

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב, וועמעס 25 יאָריקן יובל מיר פייערן איצט, מעג מיט צופרידנקייט באַצייכענען אַז ער איז איינער פון דער קליינער צאָל אָאַזיסן אין דעם גרויסן מדבר פון אונדזער שפּראַך־אַסימילאַציע דאָ אין לאַנד. בכן האַלטן מיר אַז דער ל. א. יידישער קולטור קלוב איז אונדזער יידישע היים, אונדזער הייליק געצעלט און אונדזער מאָדערנער בית־המדרש.

מיט אָט־די ווערטער און געדאַנקען, וואָס דריקן אויס אונדזער גאַנצן „אַני מאמין" און, אויב איר ווילט, פּ ר אָ ג ר אַ ם, קומען מיר צו אייך, חשובע פריינד און חברים, און באַגריסן אייך אַלעמען האַרציק, צום 25־יאָריקן יובל פונם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב.

ה. רויזענבלאַט

# דער גלגל-החוזר אין אונזער יידישער דערציאונג

יעדעס פאָלק, אויף גאָטס ערד, האָט זיך זיינע ספּעציפישע פּראָבלעמען, וועלכע וואַקסן אַרויס פון אייגענעם לעבן, באַזירט אויף איר עקאָנאָמיק, פּאָליטישער געשיכטע, קולטור מצב אז״וו.

אַ פאָלק, וואָס ציט איר הויפּט יניקה אויף דער ערד אויף וועלכער עס וואוינט, וואָס געדייעט אויף סערפּ און אַקער—באַגעגנט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די מערסטע פּראָבלעמען אירע, אין שייכות פון דער אַגראַר פּראַגע—ערד און ברויט. די פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטור נויטן וויקלען זיך כסדר אַרום דעם הויפּט פּראָבלעם—זעט אָדער הונגער פון זיין לאַנד: זון און רעגן, טוי און זאַמד. זיין פאָלקס-ליד, ווי זיין העכערע קולטור—ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט, איז נאַטירלעך דורכגעדרונגען מיט די אַלע עלעמענטן, וואָס ליגן נאָענט צו דער ערד, און אַלץ וואָס ווידמעט זיך אויף איר...

דאָס אינדוסטריעלע פאָלק ווידער, ווערט באַהערשט פון די הויפּט פּראָבלעמען, וואָס וויקלען זיך אַרום זיין סטרוקטור—פאַבריק און אַרבעט; ערד-רייכטימער, ווי מינעראַל-קוואַלן, קוילן-מינעס; הויל און נאַפט-טייכן, און אַנדערע ערד-רייכטימער.

אַ פאָלק ווידער, וואָס האָט געהאַט דאָס מזל זיך איינצעפונדעווען אויף אַ ערד, וואָס איז מאָגער און האָט ניט די אַלע, אויבן-אויסגערעכנטע אוצרות, זוכט זיין אויסקומעניש אין מסחר, קליין-האַנדל, אימפּאָרט און מעקלעריי. אַזאַ פאָלק האָט, נאַטירלעך, שווערערע פּראָבלעמאַטישע דאגות, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין איר פּאָליטישן און סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן. אַוודאי האָבן די קלימאַטישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען, ווי אַ צושפּיל צו זיין נאַציאָנאַלן לעבן, אַ היפּשן חלק אין זיין קלטור, קונסט און אין אַלע זיינע גייסטיקע ווערטן.

גאָר אַנדערש און אַ סך קאָמפּליצירטער זיינען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די פּראָבלעמען פון אַ פאָלק, וואָס וואוינט ווי אַ מינדערהייט אין שכנות ביי אַ הערשנדיק פאָלק, אָדער פעלקער... ווי למשל אונזער פאָלק, דאָס יידישע. אַזאַ פאָלק האָט, אויסער די פּראָבלעמען פון הערשער-פאָלק, אין וועלכע ער באַטייליקט זיך, אויך , און דער הויפּט, זיינע אייגענע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעל-נאַציאָנאַלע שווערע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען אונטערוואָרפן די נאָרמאַלע, נאַטירלעכע באַדינגונגען פונעם לאַנד און אָפט די וואָס ווערן אַרויסגערופן פון די קאַפּריזן און מניעות פון דער הערשנדיקער רעגירונג. קיינמאָל איז דאָס מינאָריטעט פאָלק ניט זיכער מיט אירע איינגעשטעלטע, איינגעפונדעוועטע פאָרמען פון לעבנס-שטייגער; דאַרף כסדר שטיין אויף דער וואַך—גרייט צו פאַרטיידיקן אירע פּאָזיציעס—איבערהויפּט אירע נאַציאָנאַל-קולטורעלע. אין איין שיינעם טאָג קען די הערשנדיקע מלוכה—צוליב עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע, אָדער קולטורעלע מניעות—פאַרווערן דעם מינאָריטעט—זיין לשון, דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיטן געדרוקטן

וואָרט, די פּריווילעגיע צו דערציִען זיין דור, און נעמט זיך דאָס רעכט צו פאַר־שליסן די שולן, די קולטורעלע אינסטיטוציעס, אז״וו.

איך וויל דאָ ברענגען אַ פּאָר אילוסטראַציעס, און דווקא ניט פון אונדזער פאָלק—נאָר גראַד פון אַ קליין פאָלק, וואָס איז געבליבן, נאָכדעם ווי עס איז באַצוואונגען געוואָרן פון אַ גרויס, מעכטיק פאָלק, זיצן אויף זיין אייגענעם באָדן. איך מיין דאָ דאָס אירלענדישע פאָלק.

בעת ענגלאַנד האָט פאַרנומען אירלאַנד, אין יאָר 1172, האָט די בריטישע מלוכה באַלד אַרויפגעלייגט איר שווערע האַנט אויף דעם גייסטיקן לעבן פון אירלאַנד. עס איז דערביי כאַראַקטעריסטיש זיך צוצוקוקן צו די מעטאָדן, וואָס די הערשנדיקע מאַכט באַנוצט בעת זי גרייט זיך צו אונטערדריקן אַ פאָלק וואָס זי איז מנצח. דאָס ערשטע וואָס זי טוט, איז—באַרויבן דאָס באַזיגטע פאָלק פון זיינע גייסטיק־נאַציאָנאַלע אוצרות—שפּראַך, שריפט און קונסט; אויסראָטן די גייסטיקע פירער פון פעלקער, אונטערברענגען די קולטורעלע אינסטיטוציעס פון פאָלק, אויף וועמען זיין פּויסט איז געפאַלן. ער ווייסט פון געשיכטלעכער דערפאַרונג, אַז קוים נעמסטו צו ביי אַ פאָלק אָט־די אַלע גייס־טיקע אוצרות—האָסטו ממילא שוין ביי אים אַרויסגעצאַפּט דאָס חיות פון די ביינער; אונטערגעשניטן דעם סאַמע וואָרצל דורך וועלכן ער זייגט זיין יניקה, זיין כוח פאַר אויסדויער, ווידערשטאַנד... דערמיט האָסטו אויסגעגראָבן דעם תהום פאַר זיינע פיס... איין טראָט בלויז, און זיין קרבן פאַרזינקט אין דער אייביקער פינצטערניש.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער פריערדיקן פאַראַגראַף:

באַלד ווי בריטאַניע האָט פאַרנומען אירלאַנד, האָט די ענגלישע מלוכה אָנגעהויבן שטיקן גייסטיק דאָס אירישע פאָלק.

אין 1384 פאַרווערט דער ענגלישער קעניג בירגערשאַפט צו אירלענדער, אויב זיי גיבן ניט אויף זייער שפּראַך, זייער קליידונג, זייערע פירונגען—לויט זייערע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס.

אין אַ בריוו פון קעניג הענרי דעם 8טן, דאַטירט אַפּריל 28, 1536, שרייבט ער צו די איינוואוינער פון ג אַ ל וו יי, בזה הלשון:

„אַז יעדער איינוואוינער אין דער דערמאָנטער שטאָט זאָל זיך פלייסן צו רעדן ענגליש און צו האַלטן זיך אויפן ענגלישן שטייגער; און ספּעציעל, אַז איר און יעטוועדער איינער פון אייך, זאָל ברענגען זיין קינד אין שול אַריין, כדי אויסצולערנען זיך ריידן ענגליש. און איר זאָלט ניט פאַרזאַמען אויסצופירן די דאָזיקע באַפעלן אונדזערע, כדי צו געווינען אונדזער לייטזעליקייט און אויס־צומיידן אונדזער גרימצאָרן און אונדזער שטאַרקע אומצופרידנהייט...״

פון דעם נוסח איז לייכט צו זען, אַז די אירלענדער האָבן זיך געלאָזט שטאַרק דינגען מיט זייערע באַצווינגער.

דעניעל דיואַר, אַן ענגלישער געשיכטע־שרייבער, שרייבט אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1812, אַזוי:

„די צאָל מענטשן וואָס רעדן ג ע ל י ש, איז אַ סך גרעסער איידער מען איז זיך משער. געליש ווערט גערעדט איבער דער גאַנצער פּראָווינץ ק אַ נ אַ ט פון אַלע נידעריקע דרגאָס, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיין פאַרשטייט

כמעט אינגאַנצן ניט קיין ענגליש, און עטלעכע פון די וואָס קענען יאָ, פאַר־שטייען דאָס נאָר אויף אַזויפיל, אַז זיי קענען פירן געשעפט... איריש ווערט גערעדט זעייר אַלגעמיין אין די אַנדערע דריי פּראָווינצן אַ חוץ צווישן די אָפּשטאַמלונגען פון שאָטלענדער אין צפון... מען האָט אויסגערעכנט מיט אַ גוטער באַרעכטיקונג, אַז עס זיינען פאַראַן אין אירלאַנד אַרום צוויי מיליאָן מענטשן (פון אַ באַפעלקערונג פון 4,550,000, אין יאָר 1800), וואָס זיינען ניט בכוח צו פאַרשטיין אַ געבונדענעם שמועס אויף ענגליש."

ער שרייבט ווייטער:

„אָבער איריש האָט איבערגעלעבט די רדיפות און די באַדריקונגען פון אַכצנטן יאָרהונדערט און איז ווייטער גענוצט געוואָרן דורך אַ גרויסער טייל באַפעלקערונג, ביזן גרויסן הונגער, וואָס האָט זיך געצויגן פון 1845 ביז 1847."

קעגן דער וואָפּע פון הונגער איז שוין ניט געווען אַזוי גרינג צו קעמפן, און דאָס אירישע פאָלק האָט מחמת די לאָסקעס פון דער בריטישער אימפּעריע, געמוזט טיילווייז נאָכגעבן.

אַן אירלענדער פון דער גראַפשאַפט ק ע י ר י האָט דערציילט:

„ווען איך בין געווען אַ ייִנגל האָבן זיי (די דערציער) מיך אַריינגעשטעלט אַ שפּרייזהעלצל אין מויל אויפן גאַנצן נאָכמיטאָג, מחמת איך האָב גערעדט איריש. צי איז דאָס ניט געווען אַ גרויס אַכזריות?!"... פאַרענדיקט ער.

איך האָב בכיוון געבראַכט די דריי ציטאַטן, (לויט די פעסטשטעלונגען פון ש. ניגער, אין זיין ווערק: „די צוויי שפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור"), כדי אונטערצושטרייכן: א) מיט וויפיל עקשנות אַ פאָלק קעמפט דאָס פאַר זיין שפּראַך, דערציאונג און קולטור; ב) ווי אַזוי אַ הערשנדיק פאָלק זוכט דורך אַכזריותדיקע מיטלען צו באַרויבן דעם מינאָריטעט פון זיין צונג, האַרץ און מוח... ג) ווי שווער עס איז אויסצובייטן אַן אייגענע קולטור, ווען אַפילו די באַטרעפנדיקע אייגענע קולטור פון דעם מינאָריטעט־פאָלק איז אַ סך אָרעמער פון דער הערשנדיקער, מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגענער קולטור.

מיר אַליין, אין אַלע צייטן פון שכנהשאַפט מיט אַנדערע פעלקער, האָבן ניט זעלטן דורכגעלעבט אַזעלכע גזרות. בלויז דערמאָנען אַ פּאָר פאַלן, אין דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די אורוגווייער רעגירונג געהאַט אָפּגע־שטעלט די יידישע פּרעסע אין דערמאָנטן לאַנד. צו יענער צייט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון דעם רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג אין מאָנטע־ווידעאָ, אין וועלכער ער גיט איבער די שווערע שטימונג, וואָס עס האָט געהערשט ביי דער יידישער באַפעלקערונג. צום גליק האָט דער פאַרבאָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן, און מיט וואָס פאַר אַ פרייד די זעלבע יידישע באַפעלקע־רונג האָט דאָס באַגעגנט די טובה פון דער דאָרטיקער רעגירונג, דעם חסד וואָס די מלוכה האָט געטאָן מיט איר דערמיט וואָס זי האָט אָראָפּגענומען דעם גזר.

א ייניקע יאָר צוריק האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז די רעגירונג אין אַרגענטינע האָט בדעה אָפּצושטעלן די יידישע פּרעסע אין לאַנד. וואָס פאַר אַ שווערן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף דער יידישער באַפעלקערונג! דער אַרויסגעבער פון דער גרעסטער יידישער טאָגצייטונג אין בוענאָס איירעס,

ה' סטאָליער ע"ה, וועלעכר איז געווען אויפן וועג קיין אַמעריקע, האָט אויפגעגעבן זיין רייזע, און דורך דער שתדלנות פון איינפלוסרייכע מענטשן איז די גזרה אָפּגעשטעלט געוואָרן.

אָט האָבן מיר איצט אַ טראַגישע געשעעניש. לויט שאַרפע קלאַנגען וואָס האָבן אונדז דערגרייכט פון סאָוועטן־לאַנד, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די יידישע פּרעסע אין לאַנד. די יידישע פאַרלאַגן זיינען ליקווידירט געוואָרן, און די גאַנצע יידישע קולטור איז אונטערגעגאַנגען... אַ צאָל פון די וויכטיקסטע יידישע וואָרט־קינסטלער זיינען אַריין אין אַ געדיכטן טומאַן... מען זעט זיי ניט און מען הערט פון זיי ניט. וואָס פאַר אַ העפטיקן פּראָטעסט די יידישע שרייבער, סיי דאָ אין אַמעריקע, סיי אין אַנדערע לענדער, האָבן אויפגעהויבן, וואָס פאַר אַ בייזע פּאָלעמיק דער ענין האָט אַרויסגערופן!

אָט־דער פּראָבלעם פון שפּראַך, דערציאונג און אַלגעמיין יידישע קולטור איז אונדזערס אַ גאָר וויכטיקער פּראָבלעם. אמת, אונדזערע קינדער שטעלט מען דאָ, אין אַמעריקע, ניט אַריין קיין שפּרייז־העלצלעך אין די מיילער—מען פאַרשפּאָרט עס צו טאָן. זיי ווערן לכתחילה געבוירן ביי אונדז מיט שפּרייז־העלצלעך אין די מיילער—כדי זיי זאָלן ניט רעדן קיין יידיש. אָבער אין דעם טאַקע גייט עס.

אָט־אָ־דער דערמאָנטער פּראָבלעם (און שפּראַך איז אפשר ניט דאָס הויפּט וויכטיקע): ווי אַזוי און דורך וועלכע מיטלען ברענגט מען דאָס קינד און אונדזער יוגנט צו דער יידישער און העברעאישער קולטור? ווי אַזוי ווירקט מען אויפן קינד, אַז עס זאָל זיך פאַראינטערעסירן אין יידישע לימודים—שפּראַך, געשיכטע, תנ"ך, יידישע לעגענדעס, פּאָלקלאָר, ליטעראַטור און סתם יידיש וויסן? וואָס דאַרפן מיר טאָן, וואָסערע מעטאָדן זאָלן מיר אָנווענדן כדי צו פאַרשיטן דע תהום, וואָס ליגט צווישן עלטערן און ייגגערן דור?

דער ענטפער דאַרף זיין: א) טאָג־שולן, געפירט אויף די סאַמע מאָדערנע מעטאָדן. ב) אָוונט־קלאַסן פאַר יוגנט און דערוואַקסענע. ג) זיך באַמיען צו באַקענען אונדזערע מענטשן מיט יידישער קונסט דורך אַראַנזשירן, אַזוי אָפט ווי מעגלעך, אויסשטעלונגען פון אונדזערע מאָל־קינסטלער. ד) פאַראינטערעסירן אונדזערע יוגנטלעכע אין יידיש טעאַטער דורך גרינדן אַמאַטאָרע שפּיל־גרופּן. ה) אָנפירן סיסטעמאַטישע לעקציעס איבער יידישער ליטעראַטור. ו) גרינדן אַ יידישע ביבליאָטעק, וואו דער לייענער זאָל זיך געפינען אין אַ היימישער, באַקוועמער סביבה. ז) אָרגאַניזירן געזאַנגס־כאָרן, וואָס זאָלן אונדז באַקענען מיטן פּאָלקס און מאָדערן יידיש און העברעאיש ליד. ח) גרינדן מוזיקאַלישע (אינסטרומענטאַלע) קלאַסן פאַר אונדזער יוגנט, וואו זי זאָל זיך באַקענען מיט יידישער נגינה, מיט די יידישע מוזיק מייסטערס.

איך פּיל ווי עמיצער שמייכלט אונטער: ניט קיין שלעכט צעטל, גאָר ניט געקאַרגט—אַ־נו פּריוו דאָס דורכזעצן!

אַוודאי ווייס איך אַז דאָס איז אַ היפּשער אויפגאַב—אָבער אויף קיין פאַל ניט נישט־דורכפירבאַר. זיכער דאַרף מען די מיטלען, דער פּערסאָנאַל, די ענערגיע, איבערהויפּט דעם גלויבן אין אונזערע כוחות. איז דאָס אָבער אויך ניט קיין פּראָגראַם, וועלכן מיר האָפן דורכצופירן אין איין מעת־לעת, וואָך, חודש אָדער יאָר. מיר מיינען ניט צו פאַרזשערען די גאַנצע וועלט מיט איין מאָל. איך רעכן אָבער פאָרט, אַז די אַלע אויסגערעכנטע טעטיקייטן דאַרפן איינגעשלאָסן ווערן אין אונזערע פּרינציפּן, אין אונזער פּראָגראַם פון דערציאונג.

מיר דאַרפֿן שטאַרק מדקדק זיין אויף די אינסטרומענטן און דאָס געציייג מיט וועלכע מיר בויען אונזערע קולטור-וויכטיקע בנינים. איבער אַלץ דאַרפֿן מיר אין אונזער שפּראַך־קאַמף געדענקען, אַז אַלץ וואָס עס איז אונזערס, איז הייליק. מיר זיינען גאַרניט אַזעלכע גרויסע מאַגנאַטן, אַז מיר זאָלן זיך קענען דערלויבן אַרויסוואַרפֿן, אָפּוואַרפֿן... מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז מיר דאָ, אין אַמעריקע, זיינען אַ דריי שפּראַכיק פֿאָלק—יידיש, העברעאיש און ענגליש. פֿון די דריי לשונות איז צענויפגעשטעלט אונזער אינסטרומענט אויף וועלכן מיר דאַרפֿן אויסשפּילן אונזער קולטורעל־ יידיש לעבן דאָ אין אַמעריקע. דער עיקרשט: לאָמיר, ווי וויט מעגלעך, אויסמיידן, ווען אַפֿילו דיפּלאָמאַטיש, אומ־זיסטע האַמפּערניש, אומזיסטע מחלוקתן איבער אַ פּינטעלע, אַ קוצו של יוד. לאָמיר בעסער אַט־די ענערגיע פֿאַרווענדן אויף די עיקרים... מיר דאַרפֿן איבערהויפּט געדענקען די טעותן, וואָס מיר האָבן געמאַכט, בנוגע אונזער דערציאונג פֿון אונזערע קינדער, אין דער פֿאַרגאַנגענהייט.

דערציאונג פֿון אַ דור, איז ביי די מער פּראָגרעסיווע פֿעלקער פֿון דער וועלט אַ פֿאָלקס־ענין, און ניט קיין פּאָליטישער, אָדער רעליגיעזער. מיר דאָ אין אַמעריקע האָבן ליידער ניט באַוויזן אויפצוהייבן אַ פֿאָלקס־באַוועגונג פֿאַר מאָדערנער יידישער דערציאונג. מיר האָבן לכתחילה געבויט אונזער לעבן אויף פּאַרטיי־אידעאָלאָגיעס—ריכטונגען, באַוועגונגען. איך ווייס, ווי איר אַלע מן הסתם, ווי שווער עס איז פֿאַר אַ פּאָליטישער באַוועגונג צו זיין דורכ־אויס אָביעקטיוו אין הלכות דערציאונג. אַקאָפּיטשקע צוגעטינקעוועט מוז, אונטער די שטרענגסטע פֿאַרזיכטיקייטן, פֿאַרט בלייבן אונזער דערציערישע השפּעה. אַט־דאָס איז די טבע פֿון יעדער פּאָליטישער באַוועגונג און ריכטונג. דאָך, דאַרפֿן מיר מיט אַלע כוחות זיך מיען, אַז דער אופֿן פֿון לערנען זאָל פֿאַרט האָבן אויף זיך די מראה פֿון יידישער פֿאָלקס־דערציאונג! מיר מוזן לאָזן אָן אָפֿענע טיר פֿאַר די יידישע עלעמענטן, וואָס ווילן באמת יידישע דערציאונג; האָבן אָן ערנסטע באַציאונג צו יידישער קולטור. מיר דאַרפֿן אויסמיידן די מעגלעכקייטן, דעם תירוץ, אַז אַ ייד, וואָס וויל שוין יאָ שיקן זיין קינד אין אונזער שול, זאָל קענען אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט: דאָס איז דאָך אַ ציוניס־טישע, אָדער אַ סאָציאַליסטישע שול. איך וויל ניט באַלאַסטיקן מיין קינד מיט פּאָליטישע האַרבעס... זאָל ער זיך שפּעטער, ווען ער וועט קענען אַליין ווילן און אנטשיידן, זיך אויסקלייבן זיין אייגענע פּאָליטישע שיטה אין לעבן. מיר זאָלן איבער אַלץ זיין אויפֿריכטיק און קלאָר אין אונזער דרך פֿון דער־ציאונג פֿאַרן קינד, פֿאַר אונזער יוגנט, און ניט ווינציקער פֿאַר דעם עלטערן דור.

צום סוף: לאָמיר ניט פֿאַרגעסן, אַז אונזער יידיש לשון, אונזער יידישע ליטעראַטור; אונזער גאַנצע יידישע קולטור איז געבאָרן אין בלוט און טרערן. דאָס לשון, וואָס די גרעסטע טייל פֿון פֿאָלק האָט געטראָגן נאָנט צום האַרצן הונדערטער יאָר, איז אַ געשיכטע פֿון מאַרטירערטום, אַז מיליאָנען יידן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין די קאַלכאָויוונס און אונטערן מעסער פֿון תליון. איך שטרייך דאָס אונטער, מחמת איך און איר אַלע ווייסן, אַז עס הערשט אַ מין גרינגשעצונג, גלייכגילט, אַז אַפֿילו אַ מין ביטול מצד אייניקע שיכטן פֿון פֿאָלק צו אונזער שפּראַך, און מיט דעם אינאיינעם שוין אַ פֿאַרעווע באַציאונג צום יידישן בוך און צו יידישער קולטור בכלל.

יידיש וועט מוזן אין חוץ־לארץ בלייבן דער שטאַרקסטער וואָפֿן קעגן אַסימילאַציע, דאָס וויכטיקסטע געצייג מיט וועלכן מיר וועלן דאַרפֿן בויען אונזער געזעלשאַפֿטלעך לעבן, אונזערע אינסטיטוציעס.

# די יידישע קהילה ביבליאָטעק

## פון א. וואָלף

העכער אַ פערטל יאָרהונדערט האָבן פּראָמינענטע יידן אין לאָס אַנדזשעלעס, באַזונדערס די וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין ליטעראַרישער, דערציערישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט; פון צייט צו צייט אַגיטירט וועגן דער וויכטיקייט פון גרינדן אַ יידישע ביבליאָטעק, וועלכע זאָל באַדינען די נויטן פון דער שנעל־וואַקסנדיקער קהילה. פאַרשידענע פּרואוון זיינען געמאַכט געוואָרן, נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, אַזאַ אינסטיטוציע צו גרינדן. עס איז אַפילו געמאַכט געוואָרן אַ קאָנקרעטער פּרואוו, אויף דער איניציאַטיוו פון דעם פאַרשטאָרבענעם ד״ר סיילין, דזשאָו קאָמינס, רבי נעכעס, גוסטאַוו גאָלדשטיין, אַהרן ריטש, פּיטער מ. קאַהן און אַנדערע—און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „לאָס אַנדזשעלעסער יידישער ביבליאָטעק פאַרבאַנד,“ מיט ריכטער אייזיק פאַבט בראש. מען האָט צענויפגעזאַמלט עטלעכע הונדערט ביכער און זיי באַשטאַט אין אַ צימער אין באָיל הייטס. אָבער ווען רבי נעכעס האָט זיך אַריבערגעצויגן פון באָיל הייטס אין דער וועסט סאַיד, האָט ער מיטגענומען די ביכער מיט זיך און זיי אַריינגעגעבן אין „וועסטערן דזשואיש אינסטיטוט,“ וועלכן ער האָט געגרינדעט. דאָס איז געווען דער ערשטער פּרואוו צו אָרגאַניזירט אַ יידישע קהילה־ביבליאָטעק.

ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קאָמיוניטי קאונסיל, האָט דער פאַרשטאָרבענער ריכטער האָלצער באַשטימט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל איבערנעמען די דעמאָלסדיקע עמבריאָנישע ביבליאָטעק און גרינדן אַ ביבליאָטעק, וואָס זאָל באמת זיין אַ קהילה אינסטיטוציע. פון דעמאָלט אָן איז דער געדאַנק וועגן אַ ביבליאָטעק שטענדיק געשטאַנען אויפן סדר היום פון קאָמיוניטי קאַונסיל; אָבער ערשט אין 1947 האָט דער קאונסיל באַשטימט אַ קאָמיטעט מיט פאַרטרעטער פון דער גאַנצער קהילה, כדי דורכצופירן די אידייע אין לעבן. טשאַרלס בראַון, דער דאַמאָלסדיקער פּרעזידענט פונם קאָמיוניטי קאַוניסל, האָט באַשטימט אַן אַקטיוון קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון: פּיטער מ. קאַהן, אַהרן ריטש, ר. ראָזענסאָן, גוסטאַוו גאָלדשטיין, דזשוליוס ביזנאָ און אַנדערע, וועלכער זאָל אויסאַרבעטן קאָנקרעטע פּלענער ווי אַזוי צו גרינדן די ביבליאָטעק.

אין האַרבסט, 1947, איז די יידישע קהילה ביבליאָטעק געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. דער נוקלעאוס פון דער ביבליאָטעק איז באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט ביכער, מערסטנטיילס דאָס אייגנטום פון דער ביורא פאַר יידישער דערציאונג און פון אַנדערע קערפּערשאַפטן. דער פאַרשטאָרבענער געלערנטער, ד״ר עמיל בערנהאַרד קאָהען, איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער ערשטער ביבליאָטעקער. אין משך פון די לעצטע דריי יאָר איז די ביבליאָטעק גוואַלדיק אויסגעוואַקסן. עס זיינען צענויפגעזאַמלט געוואָרן העכער פופצן טויזנט בענד אין העברעאיש, יידיש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן, אויף אַלע טעמעס וואָס האָבן אַ דירעקטע און אומדירעקטע שייכות מיט יידן און יידישקייט. פּיטער מ. קאַהן איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דעם ביבליאָטעק קאָמיטעט.

דעם דאָזיקן אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן דריי יאָר צייט, און טאַקע אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער אַרבעט האָט זיך די ביבליאָטעק אַזוי שנעל אַנטוויקלט.

די ביבליאָטעק איז איצט אָפן יעדן טאָג און זי באַדינט די גאַנצע לאָס אַנדזשעלעסער קהילה. כמעט אַלע אַגענטורן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קאָמיוניטי קאַונסיל און מיט דער פעדעראַציע פון יידישע „וועלפעיר״ אָרגאַניזאַציע, באַנוצן זיך אויף אַ ברייטן אופן מיט אונזער ביבליאָטעק. אַפילו מער ווי אין די פריערדיקע יאָרן, באַנוצן זיך די פאַר־שיידענע געזעלשאַפטלעכע אַגענטורן אין אונדזער שטאָט—סיי יידישע, סיי ניט־יידישע—מיט דער גרויסער קאָלעקציע ביכער וועגן סאָציאַלע און אַרבעטער פּראָבלעמען, וואָס אונזער ביבליאָטעק האָט צענויפגעזאַמלט אַדאַנק דער ברייטהאַרציקייט פון דער ביזנאַ משפחה, וועלכע האָט עטאַבלירט אַ ספּע־ציעלע ביכער־קאָלעקציע אין אָנדענק פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַברהם ביזנאַ.

מיטגלידער פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, פון דעם „קאָמיוניטי רילייישאַנס״ קאָמיטעט, ב.ב.י.אָ., ציוניסטישער יוגנט־קאָמיסיע, הדסה, פּיאָנערן פרויען, א.צ.א., הבונים, יאָנג דזשודעאַ, פאַרבאַנד פון די יידישע צענטערס, השומר הצעיר, און אַנדערע, ווי אויך אַלע אָנגעשטעלטע אין די געביידעס פונם יידישן קאָמיוניטי קאַונסיל, באַנוצן זיך טאָג־טעגלעך מיט דער ביבליאָ־טעק און באַראַטן זיך אָפט מיט דעם ביבליאָטעקער, כדי צו געפינען הילף אין זייערע פּלענער און ביים צוזאַמענשטעלן זייערע אַרבעט־פּראָגראַמען.

די דירעקטאָרן און קאָנסולטאַנטן פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג באַנוצן זיך מיט אונדזער אויסגעצייכנטן דערציאונג־אָפּטייל, וואָס נעמט אַרום קאָלעקציעס פון טעקסט־ביכער, יידישער ליטעראַטור און אַנדערע מאַטערי־אַלן, וואָס זיינען נויטיק פאַר זייער אַרבעט. פאַר די העכער הונדערט העברע־אישע און יידישע לערערס פון די שולן וואָס זיינען אַפיליאירט מיט דער ביוראָ, איז אונדזער ביבליאָטעק דאָס איינציקע פּלאַץ, וואו זיי קענען געפינען ניט בלויז די ביכער וואָס זיי דאַרפן האָבן, נאָר אויך אַלגעמיינע אינפאָרמאַציע און הילף אין זייער אַרבעט. אונדזערע רשימות באַווייזן, אַז כמעט אַלע לערערס פון די העברעאישע, יידישע און זונטיק־שולן אין לאָס אַנדזשעלעס, זיינען ביי אונדז אָפטע באַזוכערס. אויך ניט־יידישע אַגענטורן, אָפּטיילונגען פון דער שטאָטישער און שטאָט־רעגירונג, ווענדן זיך צו אונדזער ביבליאָטעק וועגן אינפאָרמאַציע בנוגע יידישע ענינים.

די רעליגיעזע פירערס פון אונדזער קהילה האָבן, אין משך פונם פאַר־גאַנגענעם יאָר, זיך זייער אָפט באַנוצט מיט דער ביבליאָטעק אין שייכות מיט זייער אַרבעט אין זייערע שולן, ווי אויך פאַר זייער קולטורעלער, דערציערי־שער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. עס איז כמעט נישטאָ קיין איין רב, סיי פון די וואָס זיינען אָנגעשטעלט אין שולן, סיי פון די וואָס אַרבעטן ביי דער הלל־פאַונדיישאַן, וועלכער זאָל זיך ניט האָבן באַנוצט מיט אונדזער ביבליאָטעק.

די סטודענטן פון דער „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם״ און פון דעם „קאָלעדזש אָוו דזשואיש סטאָדיס״, הגם זיי קענען געפינען אַ טייל ביכער אין וועלכע זיי נויטיקן זיך, אין די ביבליאָטעקן פון זייערע אייגענע אינסטיטוציעס, געפינען אָבער פיל פולשטענדיקערע קאָלעקציעס פאַר זייער אַרבעט אין אונדזער ביבליאָטעק. אַזעלכע געלערנטע ווי ד״ר שלמה נאָבל, ד״ר א. מענעס, דר. עליאָס ביקערמאַן, ד״ר א. באָנטיק, און פּראָפעסאָר חיים שויס—זיינען

געווען אַפּטע באַזוכערס אין אונדזער ביבליאָטעק און האָבן דאָרט אָפּגעגעבן לאַנגע שעהען אויף פאָרש־אַרבעט. ד״ר אַלפרעד סענדרי, וועמעס ביבליאָ־גראַפיע פון יידישער מוזיק איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן פאַרלאַג פון קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט, זאַמלט איצט מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם, גרע־סערן בוך צווישן די אוצרות פון אונדזער ביבליאָטעק.

קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, אין און אַרום לאָס אַנדזשעלעס, שאַצן אָפּ די הילף וואָס אונדזער ביבליאָטעק קען געבן זייערע סטודענטן, באַזונדערס די וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין דערציאונג, יידישער געשיכטע און ליטעראַטור. אויך בעלעטריסטישע שרייבער, ווי אורווינג פיינמאַן, באַנוצן זיך מיט אונ־דזער ביבליאָטעק כדי צו פאָרשן דעם הינטערגרונט פאַר זייערע היסטאָרישע ראָמאַנען פון יידישן לעבן.

אויסער דעם וואָס אונדזער ביבליאָטעק האָט באַדינט לייענערס פון צווישן די היגע רעליגיעזע, דערציערישע און געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, ווי אויך דעם אַלגעמיינעם יידישן עולם אין לאָס אַנדזשעלעס — האָט זי אויך באַדינט אַ צאָל קהילות אויסער דער שטאָט. די באַאַמטע און די מיטגלידער פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטן אין קאַלווער סיטי, סיעראַ מאַדרע, פּאַסאַדינאַ, סאַנלענד, לאָנג ביטש, סאַנטאַ מאָניקאַ, וועניס, נאָרט האָליוואָוד, סאַן פערנאַנדאָ אאַז״וו — באַנוצן זיך מיט דער ביבליאָטעק אין שייכות מיט די פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון זייער קהילה־לעבן.

צווישן די צאָלרייכע מתנות וואָס די ביבליאָטעק האָט באַקומען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים, זיינען דאָ זייער ווערטפולע מתנות פון די משפחות ביזנאַ און זיף, און אויך די מתנות וואָס זיינען געגעבן געוואָרן פון פריינט פון די פאַרשטאָרבענע קהילה־טוערס, דזשעק פאַקס און ד״ר איזידאָר ריס, און פון פריינט פון מרס. אייב שאַפּיראָ. זייער אַ ווערטפולע, זעקס־בענדיקע העקסאַגלאָטישע ביבל, אַ יקר־המציאות, איז געשענקט געוואָרן פון פרענק ב. שאַפּיראָ, אין אָנדענק פון זיין מוטער, און אַ זאַמלונג פון זעלטענע ביכער פון ישראל איז געגעבן געוואָרן פון י. א. האָרוויץ.

ביי דער לעצטער יערלעכער זיצונג פון קאָמיוניטי קאָונסיל, האָט ריכ־טער פּעכט געזאָגט: „די יידישע קהילה־ביבליאָטעק, אונטערן פאָרזיץ פון פּיטער מ. קאָהן, האָט צענויפגעזאַמלט אַ קאָלעקציע ביכער און דאָקומענטן, וואָס ווערט געלייענט און אויסגענוצט ניט בלויז דורך יידישע דערציערס, געזעלשאַפטלעכע טוערס און פירערס, נאָר אויך דורך מענטשן פון אַנדערע גלויבנס, וואָס אַ סך פון זיי זיינען פאַרבונדן מיט העכערע לערן־אַנשטאַלטן.

די ביבליאָטעק געפינט זיך אין זייער אַן ענגן לאָקאַל. איך האָף, אַז ווען דער נייער בנין וועט פאַרענדיקט ווערן, וועט די ביבליאָטעק באַזאָרגט ווערן מיט אַ צוגעפּאַסטן, באַקוועמען לאָקאַל, כדי איר ניצלעכע אַרבעט זאָל זיך קענען אויסברייטערן, און זי זאָל קענען באַדינען ווי געהעריק די אַלע מענטשן, וואָס זוכן אויטאָריטעטיוון מאַטעריאַל אין זייערע שטודיעס און אין זייער פאָרש־אַרבעט. איך בין זיכער, אַז די יידישע קהילה־ביבליאָטעק וועט אויך אויף ווייטער זיין אַ קוואַל פון שטאָלץ פאַר דער גאַנצער יידישער קהילה.

# די „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם" אָוו לאָס אַנדזשעלעס

## פון לעאָ סיימאָן

די „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם" אין לאָס אַנדזשעלעס איז די איינציקע אינסטיטוציע פאַר העכערער יידישער בילדונג אויפן גאַנצן שטח צווישן שיקאַגע און דעם פּאַציפישן ים־ברעג, וועלכע איז באַרעכטיקט אויסצוטיילן אירע סטודענטן אַקאַדעמישע טיטולן („דיגריס").

ס'איז ניט פון די גרינגע זאַכן צו דערגרייכן אַזאַ כבוד, און דער אוני־ווערסיטעט שאַצט ווי געהעריק אָפּ די גרויסע אַחריות, וואָס דער דאָזיקער כבוד טראָגט מיט זיך. די ערשטע אויסטיילונג פון „דיגריס" איז פאָרגעקומען ביי אַן איינדרוקספולער צערעמאָניע דעם 27טן יוני, היינטיקס יאָר, אין סיני טעמפּל, ביי וועלכער ד"ר לואיס פינקלשטיין, פּרעזידענט פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין אַמעריקע, האָט פּרעזענטירט דעם גאָווערנאָר פון קאַליפאָרניע, אוירל וואָרען, מיט דעם ערן־טיטול „דאָקטאָר אָוו לאָו".

די „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם" איז געגרינדעט געוואָרן מיט פיר יאָר צוריק, אונטער דער אויפזיכט פונם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. ביי דער גרינדונג האָבן אויך מיטגעווירקט די לאָס אַנדזשעלעסער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, מיט איר פּרעזידענט, פּיטער מ. קאַהן, און איר עקזעקוטיוו דירעק־טאָר, ד"ר שמואל דינין; ווי אויך אַ גרופּע אָנגעזעענע לאָקאַלע טוער אויפן געביט פון יידישער קולטור און דערציאונג.

דער אוניווערסיטעט האָט דערגרייכט זיין איצטיקן סטאַטוס אַ דאַנק דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון אַזעלכע מענטשן, ווי: דאָרע שארי, פאָרזיצער פון דער אוניווערסיטעט־פאַרוואַלטונג; בען פלאַט, טעאָדאָר סטרימלינג און בענדזשאַמין ה. סוויג, וויצע־פּרעזידענטן; טשאַרלס בראַון, פאָרזיצער פון עקזעקוטיוו קאָמיטעט; און פּיטער מ. קאַהן, סיניאָר, פאָרזיצער פון דער „באָארד אָוו גאָווערנאָרס."

דער אוניווערסיטעט האָט זיך געעפנט מיט אַ קליינער צאָל סטודענטן און עטלעכע לאָקאַלע לערערס; היינט־צו־טאָג באַזוכן דעם אוניווערסיטעט אין משך פון אַקאַדעמישן יאָר, אין דורכשניט, פיר הונדערט סטודענטן, פון פאַרשיידענע עלטער און פון פאַרשיידענע שטאַנדן; עס ווערט געגעבן אַ ברייטער אויסוואַל פון קורסן, פון ביבלישער ליטעראַטור און פילאָסאָפיע ביז טאַנצן און קונסט. די קורסן ווערן געגעבן פון אַ פּערמאַנענטן לערער־שטאַב, וועלכער באַשטייט פון אַ צוואַנציק היגע פּראָמינענטע דערציערס, ווי אויך פון באַרימטע געסט־פּראָפעסאָרן, וואָס אַרבעטן־מיט אין אוניווערסיטעט פון צייט צו צייט.

צווישן דעם פּערמאַנענטן לערער־פּערסאָנאַל געפינען זיך: אהרן טאַניס, זינט לאַנגע יאָרן דער „דין" פון העברעאישע מחנכים אין אונדזער געגנט; און ד"ר יעקב קאָהען, וועלכער ווערט פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן מומחה

אויפן פּאַציפישן ברעג אויפן געביט פון רבנישע לימודים. פון די דעפּאַרטמענטס צוויי נעמען קען מען זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם סטאַנדאַרד פון דעם שטענדיקן לערער־פּערסאָנאַל.

אין דער רשימה פון געסט־פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן פון צייט־צו־צייט מיטגעאַרבעט אין אוניווערסיטעט, געפינען זיך די נעמען פון אַזעלכע חשובע געלערנטע, ווי: פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן, פּראָפעסאָר שלום שפּיגל, פּראָפעסאָר צבי שאַרפשטיין, פּראָפעסאָר עליאַס ביקערמאַן, ד״ר דוד אַראָנסאָן, ד״ר אַברהם מענעס און ד״ר שלמה נאָבל.

ד״ר מענעס און ד״ר נאָבל, וועלכע זיינען אָנגעזעענע געלערנטע סיי אויפן העברעאישן, סיי אויפן יידישן געביט, האָבן געגעבן קורסן אין דעם יידיש־אָפּטייל, מיט דער ברכה און דערמוטיקונג פון ד״ר סיימאָן גרינבערג, דער פּראָוואָסט פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, וועלכער איז אויך דער דירעקטאָר פון דער היגער „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם.״

דער אוניווערסיטעט האָט געמאַכט גרויס פאָרשריט אין די פאַרגאַנגענע פיר יאָר. די סטודענטן האָבן אויפגענומען אַ ברייטע און פאַרשידנאַרטיקע פּראָגראַם פון לימודים; עס האָבן שוין אויך גראַדויִרט אַ צאָל סטודענטן פונם לערער־אינסטיטוט ביים אוניווערסיטעט, אויף וועלכע עס ווערן געלייגט גרויסע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט.

---

# אַ באַגריסונג פון פּיטער מ. קאַהן

פריינט פון לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב!

זייט געגריסט צו אייער, און אויך מיין, יום־טוב, פון 25 יאָריקן יובל.

הגם איך בין ניט געווען אַקטיוו ביים קולטור־קלוב, בין איך אָבער אַלע יאָרן — כמעט זינט דער קלוב עקזיסטירט — געווען זיינער אַ מיטגליד. איך האַלט אַז איר טוט אַ גוטע אַרבעט. וואָלט אַזאַ איבערפּאַרטייאישער קולטור־קלוב ניט געווען דאָ ביי אונז, וואָלט מען אים געדאַרפט באַשאַפן, מחמת ס׳איז פאַראַן ביי אונז אַ גאַנץ באַדייטנדיקער יידישער עלעמענט, וואָס געהערט ניט צו קיין שום פּאַרטיי אָדער שול, און דאָ אין קולטור־קלוב געפינט ער זיך; דאָ לעבן זיי זיך אויס אָט־די יידישע יידן; דאָ הערן זיי אַ יידיש וואָרט, אַ יידישע לעקציע, אַ יידישן קאָנצערט און דאָ יום־טובן זיי בציבור. איר פאַרדינט בפירוש אַ יישר־כוח פאַר אייער עקשנות און דערגרייכונג.

מיינע וואַרעמסטע ברכות. לאָמיר דערלעבן צו פייערן נאָך יובילעאומס.

אייער, מיט אכטונג:

**פּיטער מ. קאַהן**

# די ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג

## פון דוד ברידזשער

דער קולטור־ניוואָ פון וועלכער עס איז קהילה ווערט געמאָסטן לויט דעם ניוואָ פון דער דערציאונג וואָס ווערט געגעבן דעם וואַקסנדיקן יונגן דור. עס איז דערפאַר קיין גוזמא ניט צו באַהויפּטן, אַז די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציעס פון וועלכער עס איז יידישער קהילה זיינען די יידישע חינוך אינסטיטוציעס וואָס ווערן פון איר אויפגעהאַלטן.

צו זיין 25טן יובל קומט דעם ל.א. יידישן קולטור־קלוב אַ יישר־כוח ניט נאָר פאַר זיין וויכטיקן צושטייער צום קולטור־לעבן פון אונדזער קהילה, נאָר אויך פאַר זיין איינלאַדן און זיין קאָאָפּערירן מיט דער ביוראָ פאַר יידישער דער־ציאונג. אָט די איינלאַדונג איז אַ בפירושע אָנערקענונג מצד דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב פאַר דער אחריותפולער אַרבעט פון דער ביוראָ, און פאַר אירע פאַרדינסטן אויפן פעלד פון יידישער דערציאונג ביי אונדז אין שטאָט.

עס איז דערפאַר פּאַסיק, ביי דער געלעגנהייט, איבערצוגעבן כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן, וועגן די טעטיקייטן פון דער ביוראָ און וועגן איר צו־שטייער צו דער פאַרבעסערונג און פאַרשטאַרקונג פון יידישן שול־וועזן אין לאָס אַנדזשעלעס.

מיט דער גרינדונג פון דער ביוראָ, אין 1937, האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער דערציאונג פון יידישע קינדער אין לאָס אַנדזשעלעס. אחריותפולע קולטור־ און שול־טוער האָבן זיך איבערצייגט, אַז בלויז מיט שותפותדיקע כוחות און געזעלשאַפט־לעכער אחריות וועט מען קענען אויפהאַלטן און פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון די יידישע חינוך אַנשטאַלטן. כאָטש עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז די היגע געזעלשאַפטלעכקייט האָט איינגעזען און פאַרשטאַנען די וויכטי־קייט פון אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זאָרגן פאַר די דערציאונגס באַדערפענישן פון אונדעזר קהילה, האָט דאָך די ביוראָ באַוויזן אין געציילטע עטלעכע יאָר פון איר עקזיסטענץ צוצושרייבן צו איר קרעדיט אַ ריי קאָנטיקע קוואַנטיטאַטיווע און קוואַליטאַטיווע אויסבעסערונגען און געווינסן אויפן שטח פון יידישער דערציאונג אין לאָס אַנדזשעלעס.

דער וואוקס פון די שולן אין לאָס אַנדזשעלעס און די אויסבעסערונג פונעם יידישן חינוך דאַרף מען פאַרדאַנקען אַ צאָל איבערגעגעבענע כלל־טוער מיט פּר. פּיטער מ. קאָהן בראש, וואָס האָבן באַשלאָסן אַרויפצושטעלן די פראַגע פון יידישן חינוך ביים סאַמע אָנהויב פון סדר־היום פון יידישער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. אַ דאַנק דער באַמיאונג פון פּיטער מ. קאָהן, וועלכער איז געוואָרן דער פּאָרזיצער פון דער ביוראָ, אין יאָר 1944, איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס דר. ש. דינין, איינער פון די באַגאַבטסטע און ענערגישסטע דערציער, וועלכער איז געוואָרן דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער ביוראָ. אַ דאַנק דר. דינינס אָנשטרענגונג און וויזיע זיינען געבראַכט געוואָרן משה ליבמאַן און דוד ברידזשער. מיט דער פולשטענדיקער קאָ־

אָפּעראַציע פון די מיטגלידער פון דער ביוראָ פאַרוואַלטונג, האָט זיך דער שול-וועזן ביי אונדז אין שטאָט אַ רוק געטאָן פאָראויס. אין די לעצטע זיבן יאָר האָט די ביוראָ באַוויזן צו אַפיליאירן כמעט אַלע טיפן יידישע שולן, ד. ה. אַ נעץ פון איבער 70 שולן מיט מער ווי 11.000 תלמידים.

די ביוראָ האָט געווירקט אַז יידישע דערציאונג זאָל זיך אָנהויבן אין פאַרשול-עלטער פונעם קינד און זאָל פאַרגעזעצט ווערן אין מיטלשול און אויף העכערע קורסן פון יידישע לימודים. אונטער דער ביוראָס דירעקטער אויפזיכט זיינען היינט-צו-טאָג פאַראַן אין לאָס אַנדזשעלעס פיר באַזונדערע העברעאישע און יידישע מיטלשולן און אַ נעץ פון קינדערגאָרטנס און „נורסעריס."

פאַרשטייט זיך אַז דער נומערישער וואוקס פון די צאָל שולן און תלמידים איז בלויז איין זייט פון דער מטבע. פון דער צווייטער זייט האָט די ביוראָ אַריינגעבראַכט אַ ריי פּעדאַגאָגישע אויסבעסערונגען, אין איינקלאַנג מיט די צילן פון די פאַרשידענע טיפן שולן און לויט די בעסערע מאָדערנע לערן-מעטאָדן.

קודם האָט די ביוראָ איינגעשטעלט אַ גוט-פּלאַנירטן קוריקולום פאַר אַלע שולן, וואָס העלפט דעם לערער נאָכצופאָלגן אַ קאָנקרעטן און קלאָרן פּלאַן פון לימודים פאַר יעדן קלאַס און שול-עלטער. עס איז אַזוי אַרום אָפּגעשאַפט געוואָרן דער כאַאָטישער צושטאַנד וואָס האָט פריער געהערשט אין דעם רוב שולן בנוגע דעם אויסוואַל פון דער אָנווענדונג פון לערן-מאַטעריאַלן און די צילן פון דערציאונג. אַ גרויסע הילף זיינען אויך די גרויסע צאָל פּעדאַגאָגישע פּובליקאַציעס און לערן-מאַטעריאַלן און מעטאָדיקעס וואָס די ביוראָ האָט אַרויסגעגעבן מיטן ציל צו העלפן דעם לערער אין זיין טאָג-טעגלעכער קלאַס אַרבעט. אין די לעצטע דריי יאָר האָט די ביוראָ איינגעשטעלט אַ סיסטעם פון שריפטלעכע און מינדלעכע עקזאַמענס, וואָס ווערן געגעבן אין אַלע לימודים צוויי מאָל אַ יאָר. אָט-די „טעסטן" העלפן ניט נאָר פעסטצושטעלן די דערגרייכונגען פון די תלמידים אין די פאַרשיידענע לימודים, נאָר זיי גיבן דעם לערער אויך אַ קלאָרן באַגריף ווי אויסצובעסערן די לערן-מעטאָדן און מאַטעריאַלן אויף להבא.

די אויפזיכט איבער די פּעדאַגאָגישע ענינים אין די שולן ליגט אין די הענט פון אַ סטעף קאָמפּעטענטע דערציער וואָס באַזוכן די שולן, קאָנפערירן מיט די לערערס ביחידות און בציבור, גרייטן צו נויטיקע לערן-מאַטעריאַלן, און האַלטן אין אַלגעמיין אַ וואַכזאַם אויג אויף דער אַנטוויקלונג און ספּעציפישע באַדערפעניש פון יעדן שול-באַזוכער.

די פירערשאַפט פון דער ביוראָ ווייסט גאַנץ גענוי אַז דער דערפאָלג פון יעדער שול הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס אין דער פאַכמענערישער צוגרייטונג פונעם לערער. צוליב דעם פירט די ביוראָ אָן מיט וועכנטלעכע לערער-סעמינאַרן במשך פונעם גאַנצן יאָר, ביי וועלכע די לערער האָבן די געלעגנהייט צו הערן לעקציעס איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג און גלייכצייטיק דיסקוטירן די טאָג-טעגלעכע דערציערישע פּראָבלעמען מיט וועלכע זיי באַגעגענען זיך אין זייער קלאַס-אַרבעט.

די פירערשאַפט פון דער ביוראָ פילט אויך אַז דעם לערערס עקאָנאָמישע פּאָזיציע דאַרף זיין אַ געזיכערטע, כדי ער זאָל קענען אָנגיין מיט זיין דערציערישער אַרבעט אויף אַ פּראָפעסיאָנאַלן, ווירדיקן אופן. די ביוראָ האָט דער-

פאַר געהאָלפן די לערער זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וואָס באַשיצט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. די ביוראָ האָט גלייכצייטיק אָפּגעשאַפט די הפקרות, וואָס האָט געהערשט ביים אָנשטעלן און אָנהאַלטן לערער און באַשטימען זייערע שכירות. די ביוראָ האָט אַ ספּעציעלן סערטיפי־קאַציע קאָמיטעט, וואָס באַשטימט לויט אַ ספּעציעלן צוגעגרייטן קאָדעקס, דעם סטאַטוס פון יעדן לערער, הן בנוגע זיין פּראָפעסיאָנעלן סטאַזש און הן בנוגע די יערלעכע שכירות צו וועלכן ער איז באַרעכטיקט.

די ביוראָ שטייט ניט אַליין אין אירע גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן וואָס זיינען אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן. אויף איר איניציאַטיווע זיינען געגרינדעט געוואָרן צוויי וויכטיקע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס העלפן דער ביוראָ אין אַ צאָל וויכטיקע פאַזן פון איר פאַרצווייגטער אַרבעט. די צוויי אָרגאַניזאַציעס זיינען: די מענער־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען: לאָס אַנדזשע־לעסער געזעלשאַפט פון יידישער דערציאונג, וואָס ציילט הונדערטער מיט־גלידער, און די איזראַעלאַ, אַ פּאַראַלעלע פרויען־אָרגאַניזאַציע. ביידע אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן איין וויכטיקן ציל: צו מאָביליזירן פריינד און אַקטיווע טוער פאַר דער פאַרשפּרייטונג און אויסבעסערונג פון יידישן חינוך אין לאָס אַנדזשעלעס.

די דירעקטע אַרבעט פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס דריקט זיך אויס דורך פאַרשפּרייטן אויפקלערונגס־ליטעראַטור אין שייכות מיט דער וויכטיקייט פון יידישער דערציאונג, דורך אַראַנזשירן עפנטלעכע פאָרומס, וואו עס ווערן געהערט פּראָמינענטע דערציערס און קולטור־טוער; דורך שאַפן פאָנדן פאַר ספּעציעלע פּראָיעקטן וואָס די ביוראָ איז ניט בכוח דורכצופירן, און דורך איינשטעלן געוויסע „סקאָלאַרשיפּס" און פּריזן פאַר תלמידים און פאַר שולן וואָס האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אין זייער אַרבעט.

איינער פון די לעצטע אויפטוען פון דער ביוראָ איז די גרינדונג פון אַ שטאָט־קאָנסיל פון די עלטערן־לערער פאַראיינען וואָס קען עקזיסטירן ביי די שולן. די דירעקטע אויפגאַבע פון דעם קאָנסיל איז צו צענטראַליזירן די אַרבעט פון די פאַראיינען און צו שטיין אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער ביוראָ אין אַרויסהעלפן צו ווערבירן נייע תלמידים, צו דערנענטערן די עלטערן צו די שולן און זיי משתף זיין אין דער וויכטיקער, אַחריותפולער אַרבעט פון דערציען זייערע אייגענע קינדער.

עס וואָלט געווען איבערגעטריבן צו באַהויפּטן אַז די ביוראָ האָט שוין געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, און אַז זי האָט שוין דערגרייכט אירע פּערספּעק־טיווע צילן. עס זיינען נאָך דאָ און עס וועלן נאָך זיין אַ שלל פּראָבלעמען וואָס זוכן אַ לייזונג; עס איז נאָך פאַראַן אַ סך צו פאַרבעסערן און נאָך מער אויפצוטאָן אין דער נאָענטער צוקונפט. עס איז גענוג בלויז צו סומירן מיט דעם וואָס אַ דאַנק דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג איז געשאַפן געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער כוח וואָס איז ביכולת צו פאַרוואַנדלען דעם יידישן חינוך, דאָ אין שטאָט, אין אַ ווירקזאַמען אינסטרומענט פון נאַציאָנאַלער אויפ־ריכטונג און גענעזונג.

**ד״ר סעמועל דינין**, עקז. דירעקטאָר
**משה ליבמאַן**, געהילפס דירעקטאָר
**יעקב אַלקאָוו**, פאָרזיצער פון ביוראָ
פאַר יידישער דערציאונג.

# פאַראייניקטע יידישע מיטל-שול אין לאָס אַנדזשעלעס

## פון דר. ז. קורמאַן

דער געדאַנק אַז יידישע דערציאונג דאַרף ווערן אַ כלל־פּראָבלעם, אַ פאָלקס־זאַך, און ניט קיין ענין פון איינצעלנע אָרגאַניזאַציעס אָדער יחידים, האָט געקראָגן זיין תיקון אין דער יידישער מיטלשול פון לאָס אַנדזשעלעס. זייער אָפּט קען מען הערן, סיי אין דער פּרעסע, סיי אויף שול־קאָנפערענצן, דעם רוף צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג, אָבער זייער ווייניק איז נאָך דערווייל וועגן דעם געטאָן געוואָרן. דאָס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן בלויז אַ פרומער וואונטש. ביז היינט־צו־טאָג איז נאָך די יידישע מיטלשול פון לאָס אַנדזשעלעס אַלץ פאַרבליבן די איינציקע יידישע שול אין לאַנד, וואָס גרופּירט אַרום זיך דעם גאַנצן יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר פון אַ גרעסערן יידישן יישוב. דערפאַר טאָקע איז כדאַי אַביסל מער באריכות זיך אָפּצושטעלן אויף דער אַרבעט און דערגרייכונגען פון דער מיטלשול.

דער יסוד פאַר דער יידישער מיטלשול פון לאָס־אַנדזשעלעס איז שוין געלייגט געוואָרן מיט אַ זיבן יאָר צוריק, ווען די מיטלשולן פון אַרבעטער רינג און פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן זיך פאַראייניקט און געשאַפן אַ בשותּפותדיקע שול, בראש מיט חבר הערי ראָטבלאַט, ווי איר פאָרזיצער. אין יולי, 1946, האָט זיך צו איר אויך אָנגעשלאָסן די מיטלשול פון דעם פראַטערנאַלן יידישן פאָלקס־אָרדן. עס איז דאַן אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ לימודים פּראָגראַם, וואָס איז גוט־געהייסן געוואָרן פון אַלע דריי ריכטונגען. און די ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג האָט זי אַדאָפּטירט, ווי די איינציקע יידישע סעקונדערע שול אין שטאָט. אויף אַזאַ אופן איז מיט פינף יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן די יידישע מיטלשול פון לאָס־אַנדזשעלעס. איר ערשטער פאָרזיצער איז געווען חבר מאַקס האָלצמאַן, און איר ערשטער דירעקטאָר— חבר חיים ראַדין, ע״ה.

אין משך פון דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ האָט זיך די מיטלשול שוין קונה־שם געווען ניט נאָר ווי איינע פון די בעסטע יידישע סעקונדערע שולן אין לאַנד, נאָר אויך ווי אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע אין שטאָט. אויפן סיום־הזמן פון דער מיטלשול איז דאָס יאָר געווען פאַרטראָטן די קולטורעלע יידישע לאָס־אַנדזשעלעס. עס זיינען אַפילו אויך געקומען פאָר־שטייערס פונעם רעליגיעז־העברעאישן שול־וועזן. דאָס באַווייזט, וואָסער אָרט, אָנזען און חשיבות די מיטלשול האָט זיך דערוואָרבן אין שטאָט.

מיט דער מיטלשול־אַרבעט פירט אָן אַ פאַרוואַלטונג, וואָס באַשטייט פון 25 אָנגעזעענע קולטור־טוערס פון שטאָט. בראש פון דער פאַרוואַלטונג שטייען איצט: חבר אַלעקס ראַבין, פאָרזיצער; חבר הערי ראָטבלאַט, קאָ־פאָרזיצער; די חברים, מ. אָדערבערג און ש. סלוצקי, וויצע־פאָרזיצערס; חבר פּ. טשערנער, סעקרעטאַר; חבר מאַקס האָלצמאַן, קאַסירער; און חבר ראובן פלאַפּקין, פינאַנץ־סעקרעטאַר. הגם די טוערס פון דער מיטל־שול געהערן צו פאַרשיידענע שול־ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס, הערשט אָבער צווישן זיי אין דער מיטלשול

אַרבעט אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע, טאָלעראַנץ און קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג. אַלע זיינען דורכגעדרונגען מיט אַחריותפולן געפיל, אַז זיי טוען אַ גרויסע און וויכטיקע אַרבעט, די אַרבעט פון אויפשטעלן אַ נייעם יידישן דור, וואָס דאַרף ווערן דער מיטבויער און מיטשאַפער פון דער יידישער פאָלקס־קולטור און וואָס וועט העלפן ממשיך זיין אונדזער פאָלקס־קיום.

אַ דאַנק אַט־דער דאָזיקער פיינער קאָאָפּעראַציע פון די בעסטע קולטור־כוחות אין שטאָט האָט די מיטלשול געקענט אויסברייטערן די פּעריפעריע פון איר אַרבעט און פאַרצווייגן דעם געביט פון אירע טעטיקייטן. זי איז געוואָרן דער צענטער פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג, דער צענטער פון אויפקלערונג פאַרן יידישן חינוך און פאַרן יידישן וואָרט.

אין משך פון די פינף יאָר פירט די מיטלשול דורך יערלעכע אויפקלערונגס־אַקציעס, וואו עס ווערט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון דער יידישער דערציאונג, סיי פאַרן וואוילזיין פונעם יחיד, פאַר דער אַנטוויקלונג און געשטאַלטונג פון זיין גייסטיקער פערזענלעכקייט, און סיי פאַרן ווייטערדיקן קיום פונעם יידישן כּלל. אין דער צייט פון די אויפקלערונגס־אַקציעס ווערן אויף דער ראַדיאָ, אין דער פּרעסע, און אויף לעקציעס, און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג. פאַר דעם צוועק פאַררופט אויך די מיטלשול קולטור־קאָנפערענצן און פירט דורך פאָרומס און סימפּאָזיומס. אַגב האָבן זיך אינעם לעצטן סימפּאָזיום אויך באַטייליקט יוגנטלעכע:—אַ תלמיד פון דער מיטלשול און אַ תלמידה פון די יידישע קורסן ביים אוניווערסיטעט פאַר יודאַאיזם. עס איז שווער אָפּצושאַצן דעם עפעקט פון די דאָזיקע אויפקלערונגס־אַקציעס וואָס די מיטלשול פירט דורך, אָבער עס הייבט זיך שוין אָן מערקן אין שטאָט אַ בעסערע באַציאונג און אַ גרעסערער אינטערעס צו דעם יידישן שול־וועזן מצד דער יידישער באַפעלקערונג. די צאָל טוערס און פריינד פון די יידישע לערן־אינסטיטוציעס האַלט זיך אין פאַרגרעסערן. אַפילו אַמעריקאַנער געבאָרענע טאַטע־מאַמעס הייבן זיך אָן אַריינוואַרפן אין דער שול־אַרבעט. די מיטלשול נוצט טאַקע אויס דעם נייעם צופלוס פון געזעלשאַפטלעכע כוחות פאַר נייע דערציערישע אונטערנעמונגען.

מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק האָט די מיטלשול געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן איינציקן יידישן קינדער־טעאַטער אין אַמעריקע. צו דער דאָזיקער אַרבעט זיינען צוגעצויגן געוואָרן אַ גאַנצע ריי נייע טוערס און אַמעריקאַנער געבאָרענע עלטערן. און זיי טוען טאַקע זייער אַרבעט מיט ברען און איבערגעגעבנקייט. דער קינדער־טעאַטער איז עס געוואָרן די לאַבאָראַטאָריע פון דער מיטלשול, וואו די קינדער קענען אויף אַ פּראַקטישן אופן אָנווענדן זייערע יידישע ידיעות וואָס זיי האָבן געקראָגן אין שול. און דאָס גאַנצע יידישע לערנען קריגט ביי זיי מער תכלית און אינהאַלט. די ערשטע דריי פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען באַזוכט געוואָרן פון 1500 מענטשן, האָט ניט נאָר באַרעכטיקט זיין עקזיסטענץ, נאָר האָט אים אויך פאַרזיכערט אַ חשובן אָרט אין יידישן קולטור־לעבן פון שטאָט. דער טעאַטער פונקציאָנירט איצט ווי אַן אויטאָנאָמער צווייג פון דער מיטלשול מיט אַן אייגענער פאַרוואַלטונג. חבר ש. סלוצקי, דער וויצע־פאָרזיצער פון דער מיטלשול פאַרוואַלטונג, איז אויך דער פאָרזיצער פון דער טעאַטער פאַרוואַלטונג.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז די יידישע מיטלשול געוואָרן דער צענטער פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג אין שטאָט. אַלע פאַזן פון יידיש־

וועלטלעכער דערציאונג ווערן דאָ באַהאַנדלט און באַטראַכט. דאָ הערט מען אויך אויס באַריכטן וועגן מצב אינדי יידישע עלעמענטאַרע שולן, דאָ טראַגט מען זיך אַרום מיט פּלענער צו גרינדן שטאַטישע עלעמענטאַרע שולן לויטן מוסטער פון דער מיטלשול, דאָ ווערט אויך גערעדט און געטאָן וועגן העכערער יידישער דערציאונג. פאַראַיאָרן איז אַ דאַנק דער מיטלשול באַנייט געוואָרן די יידישע אָפּטיילונגביים אוניווערסיטעט פאַר יודאַאיזם. אַ גרופּע יוגנט־לעכע, גראַדואירטע פון יידישע מיטלשולן און סטודענטן פון פאַרשיידענע קאָלעדזשעס אין שטאָט, האָבן באַזוכט די קורסן אין יידיש, יידישער ליטע־ראַטור און געשיכטע. די מיטלשול וועט אויך זען, אַז די יידיש־אָפּטיילונג זאָל זיך ווידער עפענען אויפן נייעם לערן־יאָר.

די פאַרוואַלטערס פון דער מיטלשול זיינען אויך טעטיקע טוערס אויפן אַלגעמיינעם פעלד פון יידישער דערציאונג, אין דער ביוראָ און אין אירע אַפיליאירטע אָרגאַניזאַציעס. זיי שטייען ניט נאָר אויף דער וואַך פונעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן, נאָר העלפן אויך בויען דעם גאַנצן בנין פון יידישן חינוך אין שטאָט. אין יוני, 1951, האָבן די געזעלשאַפט פאַר יידישער דערציאונג און די „איזראַעלאַ" באַערט דעם חשובן מיטלשול־טוער, חבר מאַקס האַלצמאַן, מיט דער העכסטער אויסצייכענונג פאַר זיין גרויסן ביייטראַג צו דער יידישער דערציאונג אין משך פון פאַרגאַנגענעם לערן־יאָר.

די מיטלשול האַלט איצט אויך אין אָרגאַניזירן אַ קלוב פאַר יידיש־ריידנדיקע יוגנטלעכע פון קאָלעדזש־עלטער. אַן איניציאַטיוו־גרופּע פון יוגנט־לעכע איז שוין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

די יידישע מיטלשול פון לאָס אַנדזשעלעס באַשטייט איצט פון צוויי אָפּטיילונגען: איינע אינעם סאַטאַ־מישיגען צענטער, וואו מען לערנט מאַנטיק, מיטוואָך און פרייטיק, און די אַנדערע—אין טעמפּל „איזראַעל" פון האָליוואוד, וואו מען לערנט דינסטיק און דאָנערשטיק, פון 4 ביז 7 אין אָוונט. אין דער מיטלשול לערנען זיך איצט קרוב צו 60 תלמידים, גראַדואירטע פון יידישע עלעמענטאַרע שולן. דאָ פאַרטיפן זיי זייער יידיש וויסן, דאָ באַקענען זיי זיך נעענטער מיט די אַלטע און נייע קולטור־אוצרות פון אונדזער פאָלק. דער מיטלשול קורס איז אַ פיר־יאָריקער, און די תלמידים לערנען זיך דאָ יידיש און העברעאיש, יידישע געשיכטע, מאָדערנע און אַלטע יידישע ליטעראַטור, ווי תנ"ך, אגדות, א.אַ., מדינת ישראל און דאָס יידישע קהילה־לעבן אין אַלע צייטן איבער דער גאַנצער וועלט, יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און פּראָבלעמען, יידישע יום־טובים און מנהגים, געזאַנג און דראַמע.

ביי דער מיטלשול איז אויך פאַראַן אַ ספּעציעלער אַנהייבער־קלאַס פאַר קינדער פון צוועלף יאָר און עלטער, וואָס האָבן ניט געהאַט די געלעגנהייט פאַר קיין שום יידישע דערציאונג. זיי ווערן דאָ אויף אַן אינטענסיוון אופן צוגע־גרייט צום קורס אין מיטלשול.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט די מיטלשול איינגעפירט אַ וויכטיקן מנהג—דאָס פייערן פון אַלע יידישע יום־טובים בציבור פון די תלמידים, עלטערן און פריינד. די פייערונגען ווערן דורכגעפירט דורך די תלמידים אין הסכם מיטן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פונעם יום־טוב. אַ חוץ דעם האָבן זיך די תלמידים פון דער שול זייערע אייגענע פאַרווײַלערישע אָוונטן, וואו זיי לעבן זיך אויס אין זייער אייגענער שול־סביבה. דאָס דערנעענטערט די

תלמידים פוןביידע אָפּטיילונגען און זיי ווערן אינטימע חברים און פריינד. די תלמידים פון דער מיטלשול טרעטן אויך אָפט אויף ביי פאַרשיידענע קולטור־אונטן פון אָרגאַניזאַציעס, און זיינען אויך אויפגעטראָטן אין אַ ריי פּראָגראַמען אויף דער יידישער ראַדיאָ־שעה. בכלל קען מען זאָגן, אַז אונדזער מיטלשול־יוגנט נעמט אַן אַקטיוון אנטייל אינעם יידישן קולטור־לעבן פון שטאָט. באַזונדערס אימפּאָזאַנט אָבער זיינען די מיטלשול קאָנצערטן. זיי צייכענען זיך תמיד אויס מיט זייער רייכן אינהאַלט און הויכן קינסטלערישן ניוואָ.

ביי ביידע אָפּטיילונגען פון דער מיטלשול זיינען אויך טעטיק צוויי עלטערן־פאַראיינען, וואָס העלפן אַרויס די מיטלשול אין איר קולטור־אַרבעט. די עלטערן פאַראיינען זיינען איצט באַשעפטיקט מיטן שאַפן אַ ביבליאָטעק פון יוגנט־ליטעראַטור אויפן נאָמען פון חיים ראַדין, דעם ערשטן דירעקטאָר פון דער מיטלשול.

דער לערער־פּערסאָנאַל פון דער מיטלשול באַשטייט פון דריי דערפאַר־רענע לערערס: דר. ז. קורמאַן, דירעקטאָר; ריווע זאַלאַטאַראָוו און בנימין שענקמאַן.

אונטערצייכענדיק אַ סך־הכל פון פינף יאָר אַרבעט, וואָס מיר האָבן דאָ אנגעוואָרפן אין אַלגעמיינע שטריכן, קען מען זאָגן, אַז די יידישע מיטלשול פון ל. א. האָט אויף אַ ממשותדיקן אופן באַשטעטיקט די טעזע, אַז אויפן געביט פון יידישער דערציאונג איז מעגלעך אַ מזל־ברכהדיקע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע יידיש־וועלטלעכע ריכטונגען און שאַטירונגען, און אַז אַ דאַנק אַזאַ בשותפותדיקער קאָאָפּעראַציע קען מען אַ סך מער דערגרייכן און אויפטאָן פאַרן יידישן חינוך און פאַר יידישן שול־וועזן.

---

25 יאָר יידישער קולטור קלוב אין לאָס אַנגעלעס, מיינט פאַר מיר, און איך בין זיכער פאַר אַלע יידן דאָ, אַ ליכטיקער פונקט, אַ הויז פון קולטור אין בעסטן זין פון אונדזער טראַדיציע, וואו דער גייסט פון עם־הספר ווערט באמת אָפּגעהיט און באַרייכערט.
לאָמיר האָפן, אַז דאָס סאָלידע, שיינע, גייסטרייכע הויז וועט ווייטער צוטראָגן צום יידישן גלייכגעוויכט און וועט העלפן פאַרזיכערן אונ־דזער המשך.

ס'איז אַ כבוד און פאַרגעניגן זיך צו ציילן צווישן דער מחנה מיט־גלידער פון קלוב. איך בענטש די געטרייע טוער, וואָס מאַכן דאָס אַלץ מעגלעך.

מיט וואַרעמער באַגריסונג,

ראז באלאט

# יידישער קינדער־טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס

## פון מאַקס האָלצמאַן

נאָך „לייבאָר־דיי״, ווען אַלע יידישע שולן וועלן זיין געעפנט, וועט זיך אויך דער קינדער־טעאַטער נעמען צו דער אַרבעט. פונקט ווי פאַראַיאָרן וועט דער קינדער־טעאַטער אויך דאָס לערן־יאָר, 1951-1952, אָנפירן קלאַסן יעדן שבת אין די צימערן פון דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב. איבער 40 טאַלאַנטירטע קינדער פון אַלע טיפּן יידישע שולן וועלן זיך ווייטער לערנען פאַרשיידענע פאַזן פון דראַמאַטישער קונסט, שוישפּיל, געזאַנג, אונטער דער אויפזיכט פון קאָמפּעטענטע לערער.

דער קינדער־טעאַטער וועט אויך היי־יאָר אויפטרעטן אין אַ ניי שפּיל, וואָס וועט זיין אי יידיש אי וועלטלעך אין אינהאַלט, און פּאַכמעניש צוגעפּאַסט פאַר די קינדער פון יידישע שולן. נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר אַרבעט נאָך דער באַגייסטערונג, וואָס די ערשטע פאָרשטעלונג „דוד המלך און די בין״, פון דוד ברידזשער, האָט ביים עולם אַרויסגערופן — דאַרף דער קינדער־טעאַטער דאָס יאָר קענען פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן זיין אַרבעט.

דער קינדער־טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס איז דער ערשטער פון אָט דעם מין און דער איינציקער דערווייל, ווי ווייט אונז איז באַקאַנט, אין אַמעריקע. דער ק. ט. איז אַ יידישע שול ספּעציעל פאַר דראַמע, טאַנץ, שפּיל און בינע־קונסט. דאָס איז אַ גאָר וויכטיקער צווייג פון יידישער דערציאונג, וואָס די עקזיסטירנדיקע יידישע שולן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, קענען איצטער אין זייער קוריקולום ניט אַריינגעמען. אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט טראָגט מיט זיך שוישפּיל פאַרן יידישן קינד אין שול. שפּיל דורך טאַנץ, דראַמאַטישע אַקציע, מימיק, מוזיק.

קינדער האָבן ליב זיך לערנען דורך שפּיל. און צו קינדער אַפּעלירט שטאַרק, ווען מ׳ווייזט זיי יידיש לעבן, יידישן לעבנס־שטייגער און שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור און קאָנקרעטע בילדער מיט קאָליר און דעקאָראַציעס. .

קומען טאַקע די קינדער גערן אין דער קינדער־טעאַטער סטודיאָ יעדן שבת און לערנען זיך מיט חשק די ראָלן וואָס ווערן זיי צוגעטיילט. דורך דעם לערנען זיי זיך רעדן אַ גוטן יידיש, אַ לעבעדיקן יידיש — און יידיש הערט אויף פאַר די קינדער צו זיין אַ טרוקענע שפּראַך. די וואָס האָבן געזען די ערשטע פאָרשטעלונג פון קינדער־טעאַטער זיינען געווען אנגענעם איבערראַשט, ווען זיי האָבן געהערט היי־געבוירענע קינדער רעדן אַ זאַפטיקן, היימישן יידיש.

דער אָנהויב פונם קינדער־טעאַטער איז געווען זייער אַ געלונגענער. די ערשטע פאָרשטעלונג האָט אויסגענומען. די דעקאָראַציעס און די קאָסטיומען פון דעם באַוואוסטן בינע־מאָלער, מאָו זאָלאָטאַראָף, זיינען געווען אָריגינעל, רייך, קאָלירפול און האָבן ממש פאַרכאַפּט דאָס אויג. דער אָפּרוף פונעם עולם איז געווען דער וואַרעמסטער. די עלטערן פון די קינדער האָבן ממש געטאַנצט

# ביכער

# אַפּטײלונג




בנין פון קולטור קלוב



אַ ווינקל פון פאַרווײַלונגס-צימער



ביבליאָטעק צימער



אַ צווייטער טייל פון ביבליאָטעק צימער



ביי דער דערעפענונג פון נייעם בנין פון קולטור קלוב

צווישן עולם איז צו מערקן אייניקע חשובע געסט: 1) פרץ הירשביין, ע״ה; 2) פיטער מ. קא ווישן עו

3) אַרטיסט פאול באַראַטאָוו; 4) ד״ר ר. רעבעלסקי.



## ביי דער דערעפענונג פון נייעם בנין פון קולטור קלוב

. קאַ צווישן עולם איז צו מערקן אייניקע חשובע געסט: 1) פּרץ הירשביין, ע״ה; 2) פּיטער מ. קאַהן;
3) אַרטיסט פּאול באַראַטאָוו; 4) ד״ר ר. רעבעלסקי.



# באַאַמטע און אַקטיווע פון קולטור קלוב

(זיצנדיק פון לינקס צו רעכטס): ס. לעווין, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; צילי צוקערמאַן, קלוב־פאַרוואַלטערין; י. פרידלאַנד, פּרעזידענט; אליהו טענענ־האָלץ, טעאַטער גרופּע דירעקטאָר; מ. ל. קאַפּעלאָף, פינאַנץ סעקרעטאַר; א. שוואַרץ, קאַסירער; ס. רובין, ביבליאָטעקאַר; א. אייראָף, ענגלי־שער סעקרעטאַר.

(שטייענדיק פון לינקס צו רעכטס): ס. ברייניין, סעקרעטאַר פון אַקטיוו; שלמה צוקערמאַן, קלוב־פאַרוואַלטער; מ. פאַרבער, מיטגליד פון אַקטיוו; י.

סקאקאווסקי, בריון-פארוואלטער; מ. ווינארסקי, טראסטי.




עקזעקוטיוו און באַאַמטע פון קולטור קלוב

# בּילדער

# אָפּטײלונג

פון פרייד. אַלע, אַלע, האָבן געהאַט דאָס געפיל אַז דער קינדער־טעאַטער קען ווערן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע אין לאָס אַנדזשעלעס, אַז אַזאַ טעאַטער קען און וועט הויבן די חשיבות פון אונזער יידיש לשון סיי ביי די קינדער סיי ביי די דערוואקסענע. לערער און שול־טוער האָבן געפילט, אַז דער ק. ט. וועט דער־מוטיקן יידישע דערציאונג און וועט סטימולירן דעם אינטערעס צו דער יידישער שול.

פאַרדינט טאַקע דער קינדער־טעאַטער די הילף פון שול און קולטור־טוער פון אַלע ריכטונגען. דאַרף טאַקע דער ק.ט. געשטיצט ווערן פון יעדער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע און פון יעדן איינעם וואָס האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש. נאָר מיט פאַראייניקטע כוחות וועט דער ק.ט. קענען ווערן איינע פון די שענסטע יידישע דערציאונג און קולטור־אינסטיטוציעס אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס וועט אָן שום ספק אויך דערמוטיקן לערער און שול־טוער אין אַנדערע שטעט.

פאַרוואָס האָט זיך גראַד אין לאָס אַנדזשעלעס געגרינדעט אַ יידישער קינדער־טעאַטער און ניט אין קיין אַנדער שטאָט, אַפילו ניט אין ניו־יאָרק? פאַרוואָס שרייבט גלאַנץ־לעיעלעס אין „טאָג" פון דעם 14טן יולי, 1951, אַז „אין דער יידישער ניו־יאָרק איז אַ יידישער קינדער־טעאַטער נאָך אַ חלום אויפן דאַך"? פאַרוואָס זיינען די ערשטע גרעסערע ביישטייערונגען פאַרן ק. ט. געקומען פון יידישע שול־ און קולטור־טוער פון אַלע ריכטונגען? פאַרוואָס האָט דער קינדער־טעאַטער פּראָיעקט אין לאָס אַנדזשעלעס געקראָגן אַ וואַרי־מען אָפּרוף אין דער גאַנצער יידישער פרעסע? דער ענטפער איז—צוליב דער השפעה פון דער יידישער מיטלשול אין ל. א., וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אויך איבערן לאַנד.

ביי אַ קאָנפערענץ פאַר יידישער דערציאונג, וואָס די מיטל־שול האָט מיט צוויי יאָר צוריק צונויפגערופן, איז אַנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו גרינדן אין לאָס אַנדזשעלעס אַ יידישן קינדער־טעאַטער פון און פאַר קינדער פון יידישע שולן—ווי איינער פון די מיטלען צו סטימולירן יידישע דערציאונג. אין דער קליינער איניציאַטיוו גרופּע פאַרן קינדער־טעאַטער האָבן די אַקטיווע מיטלשול טוער זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער עקשנותדיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. די חשיבות פון דער מיטלשול האָט פּאָפּולער געמאַכט דעם ק. ט. נאָך איידער די ערשטע פאָרשטעלונג האָט אַזוי אויסגענומען.

אַ דאַנק דעם וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער מיטלשול באַשטייט פון שול־טוער פון אַלע טיפּן יידישע שולן און פון אַנגעזעענע מענטשן פון די וויכטיקס־טע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ דאַנק דעם וואָס די מיטלשול איז די איינציקע יידישע שול אונטער דער אויפזיכט פון דער „ביוראָ פאַר אידישער דערציאונג", אַ דאַנק דעם אַלעמען איז דער ק. ט. פּראָ־יעקט געוואָרן שנעל פּאָפּולער און האָט אַרויסגערופן סימפּאַטיע און אינטערעס נאָך איידער דער ק. ט. האָט באַוויזן וואָס מ'קען מיט קינדער אויפטאָן אויף דעם געביט.

ס'איז איצט מער ווי רעכט צו דערמאָנען די איבערגעבנקייט פון די עלטערן פון די קינדער צום קינדער־טעאַטער. אָן זייער שווערער און אומדערמידלע־כער אָנשטרענגונג די לעצטע חדשים פאַר דער פאָרשטעלונג, וואָלט דער ק. ט. ניט געהאַט דעם דערפאָלג וואָס ער האָט געהאַט. געשטאַרקט זאָלן זיין די

הענט פון יעדן איינעם וואָס האָט אויף איין אופן אָדער אַ צווייטן געהאָלפן בויען דעם יידישן קינדער־טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס.

דער ק.ט. איז אַ צווייג פון דער מיטלשול מיט פולער אויטאָנאָמיע פאַר זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַרום דעם ק.ט. האָט זיך אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפט: „פריינט פון דעם קינדער־טעאַטער,״ דערווייל נאָך קליין אין צאָל אָבער פול מיט ברען און באַגייסטערונג. זיי פירן עס אָן מיט דער אַרבעט פונם ק.ט. די איצטיקע און די צוקונפטיקע פריינט פונם ק.ט. וועלן דאַרפן זאָרגן פאַר אַלץ אין וואָס דער ק.ט. וועט זיך נויטיקן.

דער קינדער־טעאַטער וועדט פון קיינע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס דירעקט ניט סובסידירט. ער שטיצט זיך אויף יחידים. די טעאַטער גרופּע הייבט אָן אַ קאַמפּאַניע פאַר טויזנט מיטגלידער, מיט קלענערע און גרעסערע ביישטייערונגען. נאָר אַ שטאַרקע געזעלשאַפט מיט אַ גרויסער מיטגלידער־שאַפט וועט קענען געבן דעם קינדער־טעאַטער די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן, צו פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן זיין טעטיקייט.

---

## יידישער קינדער טעאַטער ביי דער מיטל־שול

באַגריסט דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב צו זיין 25־יאָריקן יובל.

דער יידישער קינדער טעאַטער איז אַ שול פאַר טאַלאַנטירטע קינדער פון אַלע טיפּן יידישע שולן. אונטער דער אויפזיכט פון אַ טעאַטער דירעקטאָר לערנען אין קינדער טעאַטער אַריבער 40 קינדער פאַרשיידענע פאַזן פון דראַמע־שפּיל, געזאַנג און טאַנץ.

דער אַדרעס פון יידישן קינדער טעאַטער איז:

560 נאָרד ווערמאָנט עוו.

### יידישער קינדער טעאַטער

ש. סלוצקי, פאַרזיצער

ראָזע מילער, סיקרעטאַרין

א. סופר

# לאָס אַנגעלעס און דאָס יידישע בוך

מיר גיבן דאָ אַ רשימה פון ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין לאָס אַנ־דזשעלעס אין משך פון 1916 ביז 1951. דער לייענער וועט גלייך באַמערקן אַז פון 1916 ביז 1925 זיינען דערשינען בלויז 3 ביכער. די איבעריקע זיינען דערשינען אין די פינף־און־צוואַנציק יאָר פון 1925 ביז 1951.

אַ ציפער איז גאַנץ אָפט אַ שיפער—אַ פאַרשטעלטע שפראַך. דעשיפרירט מען אָט־דעם ציפער, קען מען לייענען: פון 1916 איז לאָס אַנדזשעלעס, וואָס באַלאַנגט יידיש, געווען אַ דאָרף. פון 1916 ביז 1925 איז לאָס אַנדזשעלעס געווען אַ יידיש שטעטל, פון 1925 האָט זי אָנגעהויבן וואַקסן, ווערן אַ יידישע שטאָט. היינט־צו־טאָג שאַצט מען דאָ אַרום 250 טויזנט יידן.

אָבער אַפילו פאַר־אַזאַ גרויסער יידישער שטאָט איז 75 ביכער (און ביכ־לעך) אין פינף־און־צוואַנציק יאָר זייער אַ גרויסע צאָל, און ווען די רשימה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן זיינען אַ פּאָר ביכער געווען פאַרטיק צום דרוק, זיי זיינען ניט אַריינגערעכנט געוואָרן..

פון וואַנען אַזאַ גערעטעניש אויף ביכער? האָט עס ניט אַמאָל צו טאָן מיטן . . . קלימאַט ?

פאַראַן דאָ יידישע פאַרמער, אָבער אויף זייערע בוימער וואַקסן ניט קיין יידישע ביכער. די „זוניקע" קאַליפאָרניע האָט ניט צוגעצויגן מער שרייבער ווי די „ווינטיקע" שיקאַגאָ, פונדעסטוועגן האָט אַפילו שיקאַגאָ, מיט איר גרע־סערער יידישער באַפעלקערונג און אויך גרעסערע צאָל שרייבער, ניט אַרויס־געגעבן פּראָפּאָרציאָנעל אַזוי פיל ביכער ווי לאָס אַנדזשעלעס. פון אַנדערע שטעט איז דאָך שוין אָפּגערעדט. פון וואַנען אַזאַ שפע ?

— צופאַל—וועט מען זאָגן—צופעליק האָבן זיך דאָ באַזעצט יידישע שרייבער, און וואו שרייבער—דאָרטן ביכער. דאָ ווערן אַרויסגעגעבן מער ביכער? מסתם זיינען די שרייבער רייכער. עפּעס דאָ פאַרלאַגן וואָס גיבן אַרויס די ביכער? דער שרייבער האָט אַ פּאָר דאָלער, גיט ער אַרויס זיינעם אַ בוך.

אָט־די מימרא דאַרף פאַרענטפערן די גרויסע גערעטעניש און אין איין וועג גיט זי אָן אַנצוהערעניש—ניטאָ וואָס נתפּעל צו ווערן. מאַלע וואָס שריי־בער גיבן אַרויס זייערע ביכער. נאָך אַ פראַגע, צי אַ פאַרלאַג וואָלט זיי אַרויס־געגעבן . . .

אונזער אויפגאַבע דאָ איז ניט פּסקענען צי די ביכער וואָס זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן זיינען גוטע אָדער שלעכטע. מיר זיינען אויסן געווען צו פאַר־צייכענען די ביכער און, צוגעגעבן אַז ניט אַלע זיינען פּרימע דפרימע, גלויבן מיר דאָך, אַז אַן ערך 75 ביכער אין פינף־און־צוואַנציק יאָר איז אַ קולטורעלער אויפטו מיט וועלכן זייער וויניק פּראָווינץ־שטעט דאָ אין לאַנד קענען זיך באַ־רימען. מיר וועלן פונדעסטוועגן זיך אָפּשטעלן אויף דער רייכקייט פון די שריי־בער דאָ, דעם ענין פאַרלאַג און אַנדערע אופנים פון אַרויסגעבן אידישע ביכער.

אָנגענומען אַז אין לאָס אַנדזשעלעס איז יעדער צווייטער מענטש „אַ סטאַר אָדער אַ נאַר," מוזן מיר זאָגן, אַז די שרייבער באַלאַנגען ניט צו די ערשטע. זיי קענען אפשר שיינען מיט זייערע ביכער, אָבער זיכער ניט מיט זייערע באַנק־ביכלעך. פּשוט געוועדט—זיי זיינען קבצנים. אָבער וואָלטן זיי אַפילו געהאַט דאָס געלט, וואָלטן זיי אויך ניט געווען אַזעלכע נאַראָנים צו באַצאָלן עטלעכע הונדערט דאָלער פאַר אַ פּאָר טאָוולען... וואָס איז אַ בוך, אויב ניט אַ מאַנוסקריפּט צווישן טאָוולען? אַ שרייבער וויל טאַקע זען זיינע כתבים געדרוקט, נאָך מער וויל ער אָבער זען אַז זיינע שריפטן זאָלן געלייענט ווערן. דאַרף מען ניט זוכן די אורזאַך פון דער ביכער גערעטעניש אין דער צאָל לייענער, ביכער קויפער דאָ אין שטאָט?

לאָמיר זען.

קיין פאַרלאַג איז טאַקע נישטאָ. אָבער וואו איז ער יאָ דאָ? אין פּאַריז איז שוין הײַנט־צו־טאָג דאָ אַ פאַרלאַג, אין ניו־יאָרק איז ניטאָ קיין פּריוואַטער יידישער פאַרלעגער און אויב „רבי לא שנה, רב חיא מנין לו"? אויב ניו־יאָרק האָט ניט קיין פאַרלאַג, זאָל עס לאָס אַנגעלעס האָבן? ממילא ווערן יידישע ביכער אַרויסגעגעבן אויף אַנדערע אופנים, היינו, דורך די מחברים גופא, דורך פריינט, אָרגאַניזאַציעס.

מכח דער רייכקייט פון די היגע שרייבער האָבן מיר שוין גערעדט. מיר ווילן נאָך צוגעבן, אַז לויט דער רשימה האָבן זייער ווייניק אַרויסגעגעבן זייערע ביכער. די מערסטע זיינען דערשינען מיט דער הילף פון פריינט און אָרגאַני־זאַציעס.

— היט מיך גאָט פון מיינע פריינט—וואָלט געדאַרפט זאָגן די יידישע ליטעראַטור—זיי טוען מיר אָן מער צרות ווי מיינע ערגסטע שונאים.—אַזוי האָבן זיך אויסגעדריקט אייניקע קריטיקער וועגן די „פריינט" וואָס גיבן אַרויס ביכער.

מיר גיבן צו אַז ניט אַלע מאָל טוען די „פריינט" אַ טובה דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם, וואָס זיי גיבן אַרויס אַ בוך פון אַ שרייבער, זייער אַ פריינט. די קריטיקער וועלן אָבער מוזן צוגעבן, אַז די זעלבע „פריינט" האָבן אויך אַרויסגעגעבן גוטע ביכער, און ווען מ'זאָל מאַכן אַ גרינדלעכן אַנאַליז, וואָלט זיך אפשר אַרויסגעוויזן, אַז יוצא הפסדו בשכרו, עס זיינען דערשינען מער גוטע ווי שלעכטע ביכער. אַגב, ווי קומט עס וואָס אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען דאָ אַזוי פיל „פריינט"? וואו זיינען די פריינט פון די שרייבער אין אַנדערע שטעט?

אַ היפּש ביסל ביכער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אָרגאַניזאַציעס. אין ניו־יאָרק איז דאָ אַ ציקאָ און איקוף פאַרלאַגן. אין דער רשימה קען מען זען ביכער אַרויסגעגעבן פון דעם קולטור־קלוב, קולטור־געזעלשאַפט, איקוף, לייען־קרייזן, איד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, אינ. אַרב. אָרדן. דער שטעמפּל פון אַן אָרגאַניזאַציע איז אפשר אויך ניט אַ כשרער עדות בנוגע דער קוואַליטעט פון בוך, ער דערציילט אָבער זייער אַ סך וועגן דער ווילִיקייט צו העלפן אַרויס־געבן און פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך. צו דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע, אַ קאָמיטעט, אָדער פריינט, גיבן זיי אַרויס אַ בוך, איז די ערשטע זאָרג—פאַר־שפּרייטן געוועגן ביכער צו דעקן די הוצאות. דער ענין פאַרשפּרייטן דאָס בוך

איז זייער וויכטיק. דאָס איז אפשר דער שליסל צו דער שפע פון ביכער דאָ אין שטאָט.

וויפיל ביכער ווערן פאַרשפּרייט דאָ אין שטאָט ?

ליידער דרוקן זיך 500 קאָפּיעס, אַמאָל אויך טויזנט. פּראָזע, פון 500 ביז 1200, אַמאָל אויך 2,000. פאַרקויפט ווערט געוויינלעך, לידער: פון צוויי ביז דריי הונדערט; פּראָזע: פון דריי ביז פינף הונדערט. דער כאַוועֶר־פּאַווער קאָמיטעט גיט אָן, אַז פון זיין בוך איז דאָ פאַרקויפט געוואָרן 900 קאָפּיעס. דאָס איז אַ יוצא מן הכלל.

אין פּראָפּאָרציע לגבי דער יידישער באַפעלקערונג דאָ, איז עס זייער אַ קליינער פּראָצענט. ווען מען נעמט אָבער אין אַכט די לאַגע פון יידישן בוך איבערן גאַנצן לאַנד, איז עס שוין זייער אַ גרויסע צאָל.

אַוודאי שפּילט דאָ אַ ראָלע דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם. אַ לאָקאַלער שרייבער קען דערוואַרטן מער קונים אויף זיינעם אַ בוך דאָ אין שטאָט, ווי אַ פרעמדער שרייבער. אַ סך אַ גרעסערע ראָלע שפּילט אָבער די צאָל פאַר־קויפער. מ'קען נאָך פאַרקויפן אַ יידן אַ בוך, מ'דאַרף אָבער קומען צו אים. גיט מען דאָ אַרויס אַ בוך, גייען די אַרויסגעבער, טאַקע אָט־די פאַרשריענע „פריינט" און פאַרקויפן עטלעכע הונדערט קאָפּיעס. קומט אַ ניו־יאָרקער שרייבער מיט זיינעם אַ בוך און ער איז אַ גוטער... גייער, קען ער אויך פאַר־קויפן אַ פּאָר הונדערט קאָפּיעס. קומט אַ פאַרטרעטער פון ציקאָ אָדער איקוף פאַרלאַג, פאַרקויפט ער אויך די צוויי־דריי הונדערט קאָפּיעס, ווייל אי ער גייט אַליין, אי די היגע „פריינט" העלפן אים. די היגע „פריינט" זיינען ניט דווקא פריינט פון דעם און דעם שרייבער, זיי זיינען פריינט פונם יידישן בוך.

ליידער קען דאָס ניט געזאָגט ווערן וועגן די ניו־יאָרקער. נחמן מייזיל האָט דאָ ניט לאַנג געמוסרט זיינע ניו־יאָרקער לאַנדסלייט למאי זיי זיינען ביי זיך אַזוי גדלנותדיק, קוקן אַרונטער אויף דער פּראָווינץ, בעת די פּראָווינץ טוט אויף מער ווי ניו־יאָרק. דערביי האָט ער אַנגעוויזן אויף לאָס אַנדזשעלעס, אויף די ביכער וואָס גייען דאָ אַרויס. מיר קענען נאָר צוגעבן, אַז בעת אַ בוך וואָס גייט אַרויס ביים אַטלאַנטיק, דערשלאָגט זיך נאָך ווי עס איז צום פּאַסיפיק, איז אָבער פאַר אַ בוך, וואָס גייט אַרויס ביים פּאַסיפיק, זייער שווער צו דער־גרייכן דעם אַטלאַנטיק, ניטאָ קיין אַדרעס צו וועמען צו שיקן, ניטאָ אין ניו־יאָרק קיין פריינט . . . פונם יידישן בוך.

דאָס ווערט געזאָגט ניט מיטן אבזיכט זיך אויסצופּיינען פאַר ניו־יאָרק, וויזן „ווער שענער איז", אָדער אַפילו זיך אויסטענהן. מיר האָבן פאַרצייכנט די ביכער, מיר מיינען אַז דאָס איז אַ קולטורעלער אויפטו פאַר דער שטאָט. דאָס ווייזט, אַז לאָס אַנדזשעלעס גיט ניט נאָר געלט אויף אַלערליי יידישע ענינים, נאָר אויך ביכער. ניט אַלע היגע ווייסן דערפון, און מיר דאַרפן עס וויסן, ניו־יאָרק מעג עס וויסן.

אויף די שער־בלעטלעך פון אייניקע ביכער זיינען אָנגעגעבן פאַרלאַגן. דאָס איז בלויז לפנים. קיין פאַרלעגער האָט ניט אַריינגעלייגט אַ סענט. דאָס געלט פאַר די אַלע ביכער איז געקומען פון לאָס אַנדזשעלעס.

## אַלפֿאַבעטישע רשימה פֿון ביכער, וואָס זיינען דערשינען
## אין לאָס אַנגעלעס—1916-1951

1 ) דר. וו. אַסטראָווסקי—דאָס געשלעכטס לעבן פֿון דער פֿרוי. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, 316 זייטן, 1928.

2 ) ישראל אָסמאַן—דאָס בוך פֿון נסיונות, דערציילונגען, פֿאַרלאַג „אייגענע", 288 זייטן, 1926. דאָס זעלביקע בוך איבערזעצט פֿון מחבר אין העב־רעאיש און אַרויסגעגעבן אין 1949.

3 ) ב. באַטשעליס—שמעלצעכץ—קליינע מאָנאָלאָגן. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר. 42 זייטן, 1926.

4 ) ל. בערקאָוויטש—קליינוועלט—לידער. אַרויסגעגעבן פֿון אַ גרופּע חברים, 120 זייטן, 1934.

5 ) ז. בונין—געזאַנג פֿון מיינע טעג.—לידער. אַרויסגעגעבן פֿון ז. בונין בוך־קאָמיטעט. 160 זייטן, 1950.

6 ) יחזקאל א. מ. בראַנשטיין—פֿון דער פֿרעמד.—לידער. אַרויסגעגעבן פֿון אַ גרופּע חברים מיט דער מיטווירקונג פֿון ל. א. יידישן קולטור־קלוב. 128 זייטן, 1929.

וואַגאַבונדיאַדאַ.—לידער.—פֿאַרלאַג צעשינסקי. 132 זייטן, 1940.

לידער פֿון אַ וואַגאַבונד.—פֿאַרלאַג צעשינסקי, 128 זייטן, 1940.

אימפּרעסיעס פֿון אַ לייענער—עסייען, פֿאַרלאַג צעשינסקי, 160 זז. 1941.

צווישן טאָג און נאַכט.—לידער און פּאָעמעס. פֿאַרלאַג „בעכער," 190 זז. 1949.

7 ) ה. גאָלדאָווסקי—פּריירי־לאַנד.—לידער, אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, 128 זייטן, 1927.

אונדזערע טעג—לידער.—אַרויסגעגעבן פֿון דער יידישער קולטור געזעל־שאַפֿט, 128 זייטן, 1934.

זינגט אַ וועלט.—איבערזעצונגען פֿון העברעאישע, אוקראַאינישע, רוסי־שע, ענגלישע און אַנדערע לידער. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, 27 זז., 1942.
ליכט און גלויבן—לידער.—אַרויסגעגעבן פֿון ה. גאָלדאָווסקי בוך־קאָמי־טעט, 186 זייטן, 1946.

8 ) שמריהו גאָרעליק—עסייען.—פֿאַרלאַג „מערב", 350 זייטן, 1947.

9 ) נח גאָלדבערג—פּשוטע מענטשן—דערציילונגען. אַרויסגעגעבן פֿון איד. נאַצ. אַרבעטער פֿאַרבאַנד און אַ גרופּע פֿריינט. 192 זייטן, 1942.

10) חיים גאָלדבלום—לעגענדן און מעשהלעך. אַרויסגעגעבן פֿון ל. א. יידישן קולטור־קלוב. 224 זייטן, 1935.

11) אהרן גאָרעליק—מעמואַרן. אַרויסגעגעבן פֿון גאָרעליק בוך קאָמיטעט, 400 זייטן, 1948.

12) ב. גרינפעלד (בראָנזווילער סטאָליער) — הובל־שפּענער.—אויטאָביאָ־גראַפישע סקיצן און געקליבענע שריפטן. אַרויסגעגעבן פון בראָנזווילער שריפטן קאָמיטעט. 224 זייטן, 1935.

13) וו. גרינשטיין—פּאַבלען.—פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן", 1950.

14) ב. דיימאַנדשטיין—דער וואולקאַנען אינדזל—1951. פאַרל. ליט. העפטן.
דער רוף אין זיך—76 זייטן. 1951—פאַרלאַג ליטעראַרישע העפטן.
בלעטער פון מיין גאָרטן—לידער, 96 זייטן, 1951. פאַרלאַג ליט. העפטן.

15) פּרץ הירשביין—יובל־בוך. אַרויסגעגעבן פון הירשביין יובל־קאָמיטעט (אויפבוי גרופּע). 128 זייטן, 1941.

די ערשטע סעריע פון 5 בענד פון הירשביינס ווערק, 2 בענד דראַמען, 1 באַנד אַלע איין־אַקטערס, 1 באַנד ארץ־ישראל, 1 באַנד „מיינע קינדער־יאָרן". אַרויסגעגעבן פון פּרץ הירשביין ביכער קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס־ניו־יאָרק, 1951.

16) י. וויינשטאָק—לידער זאַמלונג. מוזיק צו די טעקסטן פון מאָדערנע יידי־שע דיכטער. אַרויסגעגעבן פון וויינשטאָק מוזיק פּובלישינג קאָ., 1942.

17) שפרה חייס—אין גאַנג—לידער. אַרויסגעגעבן פון מחבר, 152 ז"ז, 1932.
צו דער וועלט.—לידער. אַרויסגעגעבן: ז. וויינפער לייען־קרייז ביים איקוף, מיט אַ גרופּע פריינט. 120 זייטן, 1934.

18) מלכה טוזמאַן—לידער.— אַרויסגעגעבן פון מלכה טוזמאַן בוך קאָמיטעט. 124 זייטן, 1949.

19) כאַווער־פּאַוער—צען לאַנדסלייט.—ראָמאַן.—אַרויסגעגעבן פון כאַווער־פּאַוער בוך קאָמיטעט אויף דער איניציאַטיוו פון די איקוף לייען־קרייזן. 320 זייטן, 1942.

לעבנס אויף דער וואָגשאָל.—בילדער פון געריכט. אַרויסגעגעבן פון אינטערנאַצ. אַרבעטער אָרדן. 224 זייטן, 1944.

„וואַוועק"—לידער פאַרקינדער. אילוסטרירט.

גיבורים פון דער נאַכט.—ראָמאַן פון יידישע פּאַרטיזאַנען אין פּוילן. אַרויסגעגעבן פון כאַווער־פּאַוער בוך־קאָמיטעט, 153 זייטן, 1950.

20) יעקב לאַנין—די ערשטע פּרוכט.—לידער.—אַרויסגעגעבן פון מחבר, 96 זייטן, 1916.

21) וו. לאַסמאַן—טרוימען און פאַנטאַזיע.—לידער.—אַרויסגעגעבן פון זיין פרוי נאָך זיין טויט. 56 זייטן, 1918.

22) פּראָפ. פּאול לעמקאָף—מוזיק צו צען יידישע לידער פון מאָדערנע דיכ־טער. אויך ענגלישע איבערזעצונגען פון די לידער. פון מחבר. 1935.

23) אַדאָלף מאַן—געזאַנג פון מיין פאָלק—לידער מיט נאָטן. אַרויסגעגעבן פון מחבר, עלסינאָר, קאַליפ. 52 זייטן, 1949.

24) ל. מאַטעס—דער וויסער פּרינץ פון דער וויסער פלאַג.—לידער. פאַרלאַג פּאַלמע. 96 זייטן, 1928.

אַ יידישע טראַגעדיע—דראַמע אין 5 אַקטן. פּאַלמע. 48 זייטן, 1929.

ווייסע טריט—לידער.—אַרויסגעגעבן נאָכן טויט. 194 זייטן, 1932.

25) י. ל. מאַלאַמוט—אַמאָל איז געווען אַ מלך.—מעשהלע.—פאַרלאַג „זונ־לאַנד.״ 16 זייטן, 1925. „טייבעלעך״—מעשהלע. זונלאַנד. 16 זז., 1925.

26) לייב מלאך—רעפּאַרטאַזשן. לייב מלאך בוך קאמיטעט. 350 זייטן, 1949.

27) ש. מיללער—בלעטער פאַלן.—דערציילונגען. אַרויסגעגעבן פון מחבר. 306 זייטן, 1926.

די שמאָלע־גרוב.—דערציילונגען. קולטור געזעלשאַפט. 416 זז., 1933.

אַ בליאַסק אויף טאַג.—דערציילונגען. פאַרלאַג קלעצקין. 416 זז., 1935.

מאַטיוון.—דערציילונגען. קולטור געזעלשאַפט, 288 זייטן, 1940.

רויט און שוואַרץ—דערציילונגען. ש. מיללער בוך קאַמ. 320 זייטן, 1945.

דור הפלגה—ש. מיללער בוך קאַמ., 350 זייטן, 1946. פרעמירט פון לאַמעד פאָנד;

ש ט ו י ב — דערציילונגען. ש. מיללער בוך קאַמ., 335 זייטן, 1950.

דור המדבר.—ש. מיללער בוך קאמיטעט. 335 זייטן, 1950.

28) ראָזאַ נעוואָדאָווסקי—אַזוי ווי איך בין.—לידער. ראָזאַ נעוואָדאָווסקי בוך קאמיטעט, 160 זייטן, 1936.

29) י. ש. נאַאומאָוו—געזאַמלטע שריפטן.—אַרויסגעגעבן פון נאַאומאָוו בוך־קאמיטעט, 318 זייטן. 1948.

30) סטודיאָ—זאַמלונג פון קונסט־בילדער, פון מאַקס באַנד, באָריס דייטש און קאָוונער־גראַדסקי. אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב, צו דער דערעפענונג פון דער נייער ביבליאָטעק. 40 זייטן, 1949.

31) בערל סאַטט—אַ שטעטל—אין האָלץ און סקולפטור. אַרויסגעגעבן פון בערל סאַטט אַלבאָם קאָמיטעט, 1947.

32) י. פרידלאַנד—ר ו י ־ ע ר ד.—זכרונות און דערציילונגען. אַרויסגעגעבן פון י. פרידלאַנד בוך קאמיטעט, מיט דער מיטווירקונג פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב. 256 זייטן, 1949.

33) לאה קאָפּעלאָוויטש־האָפמאַן־מאָן—בלומען.—קינדער־לידער. אַרויסגע־געבן פון דעטרויטער אָרדן שול לייען־קרייז, געדרוקט אין ל. א., 1941.

34) חיים קאָטילאַנסקי—פאָלקס־געזאַנגען לויטן נוסח חיים קאָטילאַנסקי. אַרויסגעגעבן פון קאָטילאַנסקי בוך־קאָמיטעט, צוזאַמען מיטן פאָלקס־פאַרלאַג פון איקוף. 1944.

35) ברכה קודלי—אוזאָרן.—לידער. אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט. 64 זז. 1931.

מידבר און מאַראַנצן.—לידער. אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט, 107 זייטן. 1946.

36) רודאָלף ראָקער.—קולטור און נאַציאָנאַליזם. ראָקער פּובלישינג קאָמפּ.
500 זייטן, 1948.

37) יוסף קוצענאָגי (קיץ)—שלום עליכמס טייטש ווערטלעך. קעשענע ביב־
ליאָטעק. 32 זייטן, תרפ״ה.

קוויטלעך—מיניאַטורן. קעשענע ביבל. 28 זייטן, תרפ״ה.

38) א. קימלפעלד—מיין מיליטער־דינסט אין רוסלאַנד. טאָג־בוך פון אַ יידישן
סאָלדאַט. 32 זייטן, 1916.

39) מאָריס ראָדזשער—דער גייסט פון דער צייט.—דראַמע אין דריי אַקטן.
פאַרלאַג חבר. 96 זייטן. 1927.

40) ה. רויזענבלאַט—בלויע פלאַמען.—לידער. אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע
פריינט. 160 זייטן. 1925.

„הרודעס״—פּאָעמע.—קולטור געזעלשאַפט. 136 זייטן. 1935.

„בעבזיק״—דאָס לעבן פון אַ יידיש יינגל.—לידער. אַרויסגעגעבן פון צענ־
טראַל קאָמ. פון יידישע פאָלק־שולן (מיט דער הילף פון לאָס אַנגע־
לעס) 160 זייטן. 1940.

אדמס קינדער.—לידער. אַרויסגעגעבן פון ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט.
128 זייטן, 1944

מיין ליכטיקע נסיעה.—לידער. אַרויסגעגעבן פון ה. רויזענבלאַט בוך־
בוך קאָמיטעט. 170 זייטן, 1944.

אונטערן שאָטן פון מיין בוים.—לידער. 174 זייטן.

ה. רויזענבלאַט יובל־בוך.—115 זייטן.ביידע ביכער אַרויסגעגעבן פון
ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט. 1948.

41) שאול ראַבינאָ—קונסט אַלבאָם — צייכענונגען פון ביבלישע מאָטיוון.
ראַבינאָ אַלבאָם קאָמיטעט, 1940.

42) לאַמעד שאַפּיראָ—דער שרייבער גייט אין חדר.—עסייען. פאַרלאַג: אַליין.
128 זייטן, 1945.

כתבים.—אַרויסגעגעבן פון ל. שאַפּיראָ כתבים קאָמיטעט. 400 ז״ז. 1949

43) חיים שוואַרץ—דער גרויסער גערנאַגל.—לידער. אַרויסגעגעבן פון
שטאַט קאָמיטעט פון אינט. אַרבעטער אָרדן. 122 זייטן, 1943.
לידער.—1949.

44) מאַקס שערמאַן—לידער. מאַקס שערמאַן שריפטן קאָמ., 148 ז״ז. 1934.

45) שלמה שניידער—שפּילערייען. אַריפמעטישער קינדער־בוך, אילוסטרירט.
120 זייטן. פאַרלאַג מתנות, 1928.

סך־הכל—45 שרייבער. 34 ביכער לידער, 39 פּראָזע, דריי מוזיק
ביכער צו פאָלקס־לידער און פון מאָדערנע יידישע דיכטער און 3 קונסט־
אַלבאָמס. אַרום און אַרום 79 אויסגאַבעס.

י. פ.

# יידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין לאָס אַנגעלעס

דער לייענער וועט זיכער באַמערקן אין דעם אַרטיקל פון א. סופר, אַז דאָס יידישע בוך אין לאָס אַנגעלעס האָט געהאַט אַ סך אַ בעסערע מערכה ווי די צייטונגען און זשורנאַלן. בעת מיר ציילן דאָ פאַר די לעצטע 25 יאָר אַרום 75 אַרויסגעגעבענע ביכער, פון 44 יידישע שרייבער, און די ביכער־פּראָדוקציע האָט זיך דאָ כלל ניט אָפּגעשטעלט נאָך, איז אָבער אויף דעם געביט פון יידישע צייטונגען און זשורנאַלן דאָ גאָר ניט געווען אַזאַ מזל־ברכה. הגם צו אַ געוויסער צייט זיינען דאָ אויפגעקומען צייטשריפטן ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן; אָבער פון דער פאָלגענדער רשימה וועט פאַר אונדז קלאָר ווערן אַז די מערסטע צייטונגען און זשורנאַלן, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, האָבן דאָ טאַקע נישט געהאַט קיין אַריכת ימים.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש צו באַמערקן: בעת מיט 25 יאָר צוריק, ווען ל.־א. האָט קוים געציילט אַן ערך 75,000 יידן, איז דאַן, צו יענער צייט, געווען מער געלעגנהייטן און פּאַטענצן אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל אָדער צייטשריפט, איידער איצט, ווען מיר ציילן דאָ שוין אַרום 250,000 יידישע נפשות, כן ירבו. פון דער רשימה וועט איר אויך קענען זען, אַז די מערסטע דערשינענע זשורנאַלן און צייטשריפטן זיינען טאַקע אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ל. א. אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, און זייער ווייניק פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָרן. היינט־צו־טאָג האָט די גרויסע יידישע ל. א. אפילו קיין שמץ ניט פון אַ יידיש־יידישער שריפט.

געוויס זיינען פאַראַן כלערליי סיבות פאַר אָט־דעם זייער טרויעריקן קולטורלאָזן מצב, און דער שרייבער פון די שורות האָט שוין איינמאָל וועגן דעם ענין געשריבן.

גענוג צו זאָגן, אַז ס'פעלט ביי אונדז איניציאַטיוו, עקשנות און געזעל־שאַפטלעכע אַחריות, צו דערלאָזן אַז אַזאַ גרויסער וואַקסנדיקער ישוב זאָל בלייבן אָן אַ געדרוקט יידיש וואָרט, אָן אַ יידישער צייטשריפט. דאָס איז ניט נאָר אַ בזיון, נאָר אויך אַ פאַרברעך. אַזוי ווי ס'איז אָבער ניט די אויפגאַבע פון דעם אַרטיקל גרינדלעכער צו אַנאַליזירן די סיבות פון אָט־דעם פאַר־וואָרלאָזטן צושטאַנד, וועלן מיר, לכן, בלויז איבערגעבן דאָ די קורצע רשימה פון די דערשינענע צייטונגען און זשורנאַלן — 1951 - 1913.

* * *

שוין אינם יאָר 1912, ווען ד״ר י. וואָרטסמאַן איז אָנגעקומען אין קאַלי־פאָרניע און האָט זיך באַקאַנט מיט די ביידע שטעט, לאָס־אַנגעלעס און סאַן־פראַנציסקאָ, האָט ער גראַדע געדענקט אַז סאַן פראַנציסקאָ וועט ווערן דער פאַרבינדונגס־פּונקט פון דעם גאַנצן פּאַסיפיק, און ער האָט באַשלאָסן אַז דאָרטן וועט ער אַרויסגעבן זיין צייטונג; און אין אָנהויב פון 1913 איז דער־שינען זיין ערשטער נומער „קאַליפאָרניער אידישע שטימע." די ערשטע נומערן

זיינען געווען פון אַ קליינעם פאָרמאַט: 12 ביי 9. דאָס צייטונגל האָט זיך אָפּ־געמוטשעט קנאַפּע צוויי יאָר, און אין 1914, ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די „ק. א. ש.“ אויפגעהערט צו דערשיינען.

אין לאָס אַנגעלעס, צו יענער צייט, האָט זיך שוין געפונען אַ צאָל סאָציאַליסטישע יידן און האָבן אויך אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט: „דער פּראָגרעס.“ דער רעדאַקטאָר איז געווען דער דיכטער מ. ה. לונער. אָבער צוליב זיין שוואַכן געזונט און דוחק אין פינאַנצן, האָט דער „פּראָגרעס“ זיך געמוזט אויפלייזן.

אין יאָר 1918 האָט דאָ אָנגעהויבן דערשיינען אַ וואָכנשריפט: „די צייט“, אונטער דער רעדאַקציע פון אב. ראַבינאָוויטש, מיט דער נאָענטער מיט־אַרבעטערשאַפט פון ד״ר לעאָ בלאָס ע״ה. צוליב סכסוכים און רייבונגען אַרום דעם סאַניטאַריום אין דוואַרטע, איז אויך „די צייט“ אונטערגעגאַנגען.

אָנהויב 1924 קומט ד״ר י. וואָרטסמאַן נאָכאַמאָל אין לאָס אַנגעלעס און לעבט ווידעראַמאָל אויף די „קאַליפאָרניער אידישע שטימע.“ דער ערשטער נומער איז דערשינען אין מאַי, 1924. מיט שווערער ענערגישער אַרבעט געלינגט אים אָרגאַניזירן אַ ביסל די ק.א.ש. ער ווערט אָבער מיד און אויסגעמאַטערט, קעמפט מיט אַלעמען און שאַנעוועט ניט קיינעם. און ווען ס׳האָט זיך אים געמאַכט די געלעגנהייט, פאַרקויפט ער די צייטונג צום באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן עסקן, י. גאַריק, וועלכער פאַרוואַנדלט די וואָכנשריפט אין אַ טאָג־צייטונג. דער ערשטער נומער ק.א.ש. ווי אַ טאָג־צייטונג איז דערשינען דעם 11טן דעצעמבער, 1927, אונטער דער רעדאַקציע פון א. וואָלינער (לאַנדאַו). די טאָג־צייטונג האָט עקזיסטירט אַרום 13 חדשים. יאַנואַר דעם 27טן, 1928, איז געווען איר לעצטע אויסגאַבע. די צייטונג איז צוריק געוואָרן אַ וועכנטלעכע און האָט געהאַט פאַרשיידענע רעדאַקטאָרן, ביז דעם 14טן אויגוסט, 1931, ווערט זי איבערגענומען פון א. באַביטש און ל. זעלענקאַ, אַ דרוקער. שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען ס. גאַך און ל. האָדעס ע״ה. לסוף גייט די צייטונג איבער צו ס. גאַך. די צייטונג האָט געהאַט, פאַר דער צייט וואָס זי איז געווען אין יידיש, אַ צאָל רעדאַקטאָרן: ש. מ. מלמד, מ. ראַטנשטיין, און ה. רויזענבלאַט. איצט איז די ק.א.ש. אינגאַנצן אין ענגליש און ווערט אָנגעפירט און רעדאַקטירט פונם אַרויסגעבער.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז דאָ דערשינען „די פּאַסיפישע פאָלקס־צייטונג“, אַ וואָכנשריפט, אַרויסגעגעבן פון דער פּאַסיפישער קאָאָפּעראַטיווער פּרעס. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיום: יעקב גינזבורג, י. פרידלאַנד און מאָריס ראַדזשערס. סך־הכל 19 נומערן זיינען דערשינען און האָט זיך געמוזט אויפלייזן צוליבן דוחק אין פינאַנציעלע מיטלען.

**„יידישע פאָלק־שול“**, אַ קליינע חודש־שריפט, רעדאַקטירט פון א. טאַניס און ד״ר וו. אָסטראָווסקי, דערשינען אין 1920 (צוויי נומערן בלויז).

**„מערב“**—דריי־חדשימדיקער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק. דערשינען אינעם יאָר 1925. רעדאַקטירט פון יצחק הורוויץ. (1 נומער בלויז).

**„ל. א. בולעטין“**—אַרויסגעגעבן פון פּאַסיפיק קאָאָפּ. פּרעס, רעד. י. ל. מאַלאַמוט, 1927, און נאָכדעם פון י. בראַנשטיין. עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר.

**„זונלאַנד“** — חודש־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע

ענינים. דערשינען אינם יאָר 1925. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיום: י. ל. מאַלאַמוט, יוסף קוצענאָגי און י. פרידלאַנד. 6 נומערן בלויז און אַ פּאָר קינדער־ביכלעך.

„האָליוואוד"—יידישער „מואווי" זשורנאַל, 1929, רעד. י. ל. מאַלאַמוט. אַ פּאָר נומערן בלויז.

„קרומער שפּיגל"—אַ הומאָריסטיש בלעטל. רעד. י. ל. מאַלאַמוט, 1929, עטלעכע נומערן.

„ליד"—חודש־זשורנאַל, אונטער רעד. פון יחזקאל א. מ. בראָנשטיין, 1929, אַ פּאָר נומערן.

„פּאַסיפיק"—פערטל־יאָריקער זשורנאַל, רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיום: ה. רויזענבלאַט, שין מיללער און ה. גאָלד ע"ה. דערשינען בלויז 4 נומערן, 1929.

„דער וועגעטאַריאַנישער געדאַנק"—רעד. חיים גאָלדבלום און דר. וו. אסטראָווסקי. דערשינען אין 1929. 4 נומערן בלויז.

„פּאָלקס־שריפט"—רעדאַקטאָר יצחק בלום. דערשינען אין 1932, 2 נומערן בלויז.

„דער עפּיק" („ענד פּאָווערטי אין קאַליפאָרניא") רעדאַקטאָר חיים דייטש, 1934—איין נומער.

„אונדזער וואָרט", 1930, אַרויסגעבער: יידישע קולטור געזעלשאַפט. איין נומער.

„אונדזער וואָרט"—חודש ־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפט־לעכע ענינים, אַרויסגעגעבן אין 1939 פונם ל. א. יידישן קולטור קלוב. רעד. קאָלעגיום: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און ה. גאָלד, ע"ה.—4 נומערן בלויז.

„דער אידישער ביזנעסמאַן"—אַן אָפיציעלער אָרגאַן פון די יידישע גראָסערילייט. געגרינדעט 1925 און אָנגעהאַלטן פאַר אַ סך יאָרן. יידיש און ענגליש. הערמאַן ה. ראַבינס, ערשטער רעדאַקטאָר, נאָכדעם איז די שריפט רעדאַקטירט געוואָרן פון ב. ל. גערזאָן.

„יידישע פּרעסע"—דערשינען אין 1930—מיט אַן אונטערשריפט: סאַן פראַנציסקאָ, אוקלאַנד און לאָס אַנדזשעלעס, רעדאַקטירט פון בען אָווגוסט. 5 נומערן בלויז.

„די יידישע פּרעסע"—אַ טאָג צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון ל. בלאַנק. נאָך 9 נומערן ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ וואָכנשריפט. זי האָלט אָן פון 1934 ביז פעב. 1936. צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן האָט די וואָכנ־בלאַט משנה שם געווען אויף „פאָלקס־צייטונג און אין נאָוועמבער דעם זעלבן יאָר איז זי אונטערגעגאַנגען.

„לאָס אַנגעלעס קהילה בולעטין"—וועכנטלעכע אויסגאַבע, דער־שיינט אינם יאָר 1940. דער נאָמען פון רעדאַקטאָר ווערט ניט אָנגעגעבן (7 נומערן בלויז.

„בכורים“ און „קולנר“ (אונדזער שטימע) — דער זשורנאַל איז אַ דריי־שפּראַכיקער: יידיש, ענגליש און העברעאיש. רעדאַקטאָר רבי בערנאַרד קאָהן, מיט דער מיטווירקונג פון די שול־לערער. מאַטעריאַל צוגעשטעלט פון די שול־קינדער. דערשיינט איינמאָל אַ יאָר, זינט 1941.

„חשבון“—זאַמלונג פון ליטעראַרישע און קולטור־אַרבעטן. אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב צו דער דערעפענונג פונם נייעם בנין פון קלוב, אין יאָר 1946. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיום: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און א. טענענהאָלץ.—118 זייטן.

„ליטעראַרישע העפטן“—פּעריאָדישער זשורנאַל, רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער: באָריס דיימאַנדשטיין. טוכונגאַ, קאַליפ.

„קאַליפאָרניער יידיש לעבן“—חודש־שריפט פאַר ליטעראַטור און קולטור־געזעלשאַפטלעכע ענינים. רעדאַקטאָר יחזקאל א. מ. בראָנשטיין, מיט דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון י. פרידלאַנד. דערשינען אינם יאָר 1951, 4 נומערן בלויז.

דאָס איז דער סך־הכל פון אונדזער ביז איצטיקן פאַרמעג, וואָס איז אונדז געבליבן ווי אַ ירושה לזכר פון דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן צייטונגס־וועזן און זשורנאַלן אויסגאַבעס.

---

# פינף-און-צוואַנציק יאָר ייוו״א אין לאָס אַנגעלעס

## פון יצחקי

לעצטן יאָר 1950 האָט דער „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט“ געפייערט זיין 25 יאָריקן יובל. הייינט אין דעם יאָר 1951 פייערט דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב זיין 25 יאָריקן יובל. דאָס הייסט, אַז מיט אַ יאָר שפּעטער, תיכף נאָך דער גרינדונג פון ייוו״א איז אויך צום לעבן געקומען דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב. דער קולטור־קלוב איז די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטירן געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דעם „ייווא“. נאָך בימי ווילנע, ווען „ייווא“ האָט אָנגעהויבן אַרויסשיקן אירע ערשטע משולחים קיין אַמעריקע, איז לאָס אַנגעלעס געווען פון אירע ערשטע שטיץ־פונקטן, און אויף דער איניציאַטיוו פונם יידישן קולטור־קלוב האָבן די אַקציעס פאַר דעם „ייווא“ זיך דאָ אָנגעהויבן און אָנגעפירט געוואָרן.

אַזוי, למשל, איז געווען ביי אונדז, נאָך אינם יאָר 1930 דער ערשטער שליח פון ווילנער אינסטיטוט, זלמן רייזן ע״ה. ער האָט דאָ אָוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אַלע קומענדיקע אַקציעס. ער האָט דאַן פאַררעגיסטרירט אַ צאָל מיטגלידער, וועלכע זיינען עד היום פאַרבליבן די וואַרעמסטע אונטער־שטיצער פון דעם „ייווא“. צוויי יאָר שפּעטער איז אין שליחות פון „ייווא“ געקומען צו אונדז ד״ר נח מייזל. זיינע רעפעראַטן אין שייכות מיט די „ייווא“ אויפגאַבעס האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם. נאָך אים איז געקומען יודל מאַרק,

און אויך מיט אים איז דאָ אָנגעפירט געוואָרן אַן אינטענסיווע אַקציע.

אין יענער צייט האָט לאָס אַנגעלעס ניט געהאַט קיין גרויסן קולטור־עולם, אָבער די יידישע אינטעליגענץ און קולטור־טוער, וועלכער האָבן געהאַט אַ שטאַרקן גלויבן אין דער יידישער קולטור, האָבן געזען אין דעם „ייווא״ אַ סימבאָל פון יידישן קיום און המשך. האָבן זיי דעריבער ממשיך געווען די אַרבעט לטובת דעם „ייווא״ ניט געקוקט אויף די קליינע מיטלען וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייער רשות. הגם זיי האָבן אַריינגעלייגט אַסך מי און אַרבעט איז זיי אָבער דאָך ניט געלונגען צו אָרגאַניזירן דאָ אַ שטענדיקן קאָמיטעט, וואָס זאָל קענען טאָן „ייווא״ אַרבעט ביים דעם פּאַציפישן ים־ברעג אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר. מער ווי עטלעכע וואָכן—דורך דער צייט פון דער קאַמפּאַניע, בעת דער פאַרטרעטער פון „ייווא״ האָט זיך נאָך געפונען אין לאָס אַנגעלעס— פלעגן די קאָמיטעטן ניט פונקציאָנירן. סיבות זיינען געווען פאַרשיידענע. די עיקר־סיבה, מיין איך, איז געווען, וואָס סע איז ניט געווען קיין באַשטימטע קולטור אַקטיוויטעט און פאַרש־אַרבעט, וואָס זאָל האַלטן אַ היגן קאָמיטעט כסדר באַשעפטיקט אין אַ „ייווא״ אַרבעט. ווען אַ געלט־אַקציע איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, האָט זיך גלייכצייטיק אויך פאַרענדיקט די טוּאונג פון די דאַמאָלס־דיקע קאָמיטעטן.

אין דעם ערשטן צענדליק יאָר האָבן די איניציאַטיוו אין די „ייווא״ אַקציעס גענומען דער ל. א. יידישער קולטור קלוב און אַ צאָל יחידים. אין דעם צווייטן צענדליק יאָר זיינען שוין די אַקציעס אָנגעפירט געוואָרן דורך קאָנפערענצן, פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים. אַ גרויסע ראָלע האָט דאָן געשפּילט דר. וו. אסטראָווסקי ע״ה, דער „אַמבאַסאַדאָר פון לאָס אַנגעלעס צו דעם ,ייווא׳״ (אַזוי האָבן מיר אים דאָן באַצייכנט נאָך זיינעם אַ באַזוך אין ווילנער אינסטיטוט). אין 1937 האָט ער פאַררופן אַ קאָנפערענץ, וואָס צוליב זיין באַמיאונג איז דר. רודאָלף גלאַנץ דאָן צום ערשטן מאָל געקומען קיין לאָס אַנגעלעס אין די אינטערעסן פון „ייווא״.

היטלער, ימח שמו, האָט אין זיין פאַרוויסטונג אויך אומגעבראַכט דעם אינסטיטוט אין ווילנע. דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פון דעם „ייווא״ איז מיט אַמאָל געוואָרן דער הויפּט־צענטער; ניו־יאָרק איז געוואָרן די היים פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אויף דעם אַמעריקאַנעם אידנטום איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע אַחריות: פאַרזעצן די אַרבעט וואָס דער „ייווא״ האָט אָנגעהויבן אין ווילנע. לאָס אַנגעלעס האָט מיט פרייד און עקשנות גענומען אויף זיך אַ טייל פון דער אַחריות.

זינט 1940 איז דער אומדערמידלעכער מענדל עלקין דער יערלעכער שליח פון דעם „ייווא״ אין לאָס אַנגעלעס. דורך זיין ענערגישער אַרבעט, און מיט דער הילף פון די היגע קולטור עסקנים, איז די אַרבעט לטובת דעם „ייווא״ פאַרברייטערט און פאַרטיפט געוואָרן. דער קרייז אַרום דעם „ייווא״ איז שטאַרק אויסגעוואַקסן און די יערלעכע קאָנפערענצן האָבן אַ גרעסערן פאַרנעם. אין דער אַרבעט נעמען אַן אַקטיוון אנטייל פאַרשיידענע אָרגאַני־זאַציעס: דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב, דער אַרבעטער רינג, דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, די פרויען לייען־קרייזן, יידישער אַרבעטער קאָמיטעט, לינקע און רעכטע פועלי־ציון, די יוניאָן פון דער קליידער אינ־דוסטריע, און אַנדערע. אַט־די אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמען מיט אַ צאָל יחידים, זיינען געוואָרן דאָ דער אַרבעט־פעאיקער אַקטיוו לטובת דעם „ייווא״.

אַן עפּאָכע מאַכנדיקע קאָנפֿערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1946. איבער 125 דעלעגאַטן האָבן פֿאַרטראָטן קרוב צו פֿופֿציק אָרגאַניזאַציעס. ד״ר ר. גלאַנץ, וועלכער איז דאַן געווען אין בוירקלי אוניווערסיטעט אין שייכות מיט זיין אַרבעט וועגן דער געשיכטע פֿון יידן אין קאַליפֿאָרניע, האָט געלייענט אַ רעפֿעראַט: „ייווא״ אין דער היינטיקער צייט.״ מענדל עלקין האָט דאַן פֿאַראינטערעסירט דעם געטרייען קולטור־עסקן, מ. האַרעליק, צו ווערן דער היגער פֿאָרשטייער פֿון דעם„ייווא״. יענע קאָנפֿערענץ האָט ענדלעך אָוועקגעלייגט דעם יסוד פֿאַר אַ פּערמאַנענטער „ייווא״־אָרגאַניזאַציע אין לאָס אַנגעלעס.

אין יולי, 1947, איז פּראָפֿעסאָר סאָל ליפּצין געווען אין לאָס אַנגעלעס און ער האָט געפֿועלט ביי דעם היגן קאָלעדזש צו געבן אַ קורס אין יידישן פֿאָלקלאָר. פֿאַר דעם צוועק האָט דער היגער „ייווא״־קאָמיטעט געשאָפֿן אַרום $500 פֿאַר אַ סקאָלערשיפּ, און אַ צאָל יידישע ביכער פֿאַר דעם קאָלעדזש. דער קאָמיטעט האָט אויך איינגעאָרדנט צוויי לעקציעס מיט פּראָפֿ. ליפּצין — איינע אין יידיש, די צווייטע אין ענגליש.

סוף פֿרילינג פֿון 1948 איז ד״ר מאַקס ווײַנרייך, דער וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר פֿון „ייווא״, געקומען קיין לאָס אַנגעלעס כדי אָנצופֿירן מיט צוויי יידיש קורסן אין דעם קאַליפֿאָרניער אוניווערסיטעט. צוועלף יידישע סטודענטן פֿון ניו־יאָרק און אַ צאָל פֿון לאָס אַנגעלעס האָבן אויפֿגענומען די קורסן. דער קלאָס פֿון יידישן פֿאָלקלאָר האָט געהאַט איבער 40 רעגיסטרירטע סטודענטן; דער קלאָס פֿאַר לינגוויסטיק, פֿאַר גראַדואירטע סטודענטן, האָט געהאַט, חוץ געסט, 20 סטודענטן. דער ל. א. „ייווא״ קאָמיטעט האָט צו יענער צייט דורכגעפֿירט אַן איינדרוקספֿולן קבלת־פּנים לכבוד ד״ר ווײַנרייך און אַ סיום הזמן און אַ צאַתך לשלום פֿאַר די סטודענטן. די לעצטע האָבן אויף אַן אינטערעסאַנטן אופֿן דערציילט וועגן זייערע פּלענער און האָפֿענונגען אויף דעם געביט פֿון יידיש.

אויך די קאָנפֿערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין חודש סעפּטעמבער, 1949, האָט געטראָגן אַ פֿאָלקס־כאַראַקטער; אַ גרויסע צאָל אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פֿאַרטראָטן, און די דעלעגאַטן האָבן מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט באַלערנדיקע רעפֿעראַטן פֿון בצלאל שערמאַן אויף דער טעמע: „יידן און יידישקייט אין די אַמעריקעס״; פֿון ד״ר שלמה נאָבל: „דער ייוו״א און די יידישע יוגנט״, און פֿון מענדל עלקין, וועגן דעם קומענדן יובל פֿון „ייווא״.

יעדעס מאָל ווען אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק פֿייערט אַ וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע, פֿאָלגן נאָכדעם נאָך, כמעט כסדר, די קלענערע יידישע ישובים. אין דעם פֿאַל אָבער פֿון 25 יאָריקן יובל פֿון „ייווא״ איז דער „ייווא״ קאָמיטעט געגאַנגען פֿאָראויס דער צענטראַלע, און געפֿייערט דעם יובל פֿון „ייווא״ דעם 12טן מערץ, 1950. ביי דער יובל קאָנפֿערענץ האָט לאָס אַנגעלעס געהאַט דעם מזל צו האָבן דעם עקזעקוטיוו פֿון דער צענטראַלע, מאַקס יואוועליר. באמת אַ קאָלירפֿולע פּערזענלעכקייט. מיט זיין פּשטות און ביז גאָר אינטערעסאַנטן רעפֿעראַט וועגן די צילן, אויפֿגאָבן און דערגרייכונגען פֿון „ייווא״ האָט ער באמת אַריינגעבראַכט אַסך ענטוזיאַזם און דערהויבן די קאָנפֿערענץ צו אַ גאָר הויכן ניווא.

די היי־יאָריקע קאָנפֿערענץ, אָפּגעהאַלטן אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב,

איז פּיערלעך געעפנט געוואָרן, שבת אָוונט, דעם 18טן אויגוסט, פון אונזער חשובן דיכטער, ה. ראָיזענבלאַט, און אָנגעהאַלטן זונטיק אַ גאַנצן טאָג דעם 19טן אויגוסט. אַן אויסערגעוויינלעכער גרויסער עולם איז געקומען צו דער דערעפענונג און האָט מיט גרויס אינטערעס און געשפּאַנטקייט צוגעהערט זיך צו דעם באמת זייער אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן רעפעראַט פון פּראָפעסאָר קאָפּל פּינסאָן, וועלכער איז איצט אַ גאַסט אין סטענפאָרד אוניווערסיטעט נעבן סאַן פראַנציסקאָ. ער האָט גערעדט וועגן די אויפגאַבעס פון „ייוואָ“ אין דער איצטיקער צייט. דער באַוואוסטער געלערנטער און היסטאָריקער, חיים שויס, וועלכער איז צו אונדזער פרייד אויך אונדזערער אַ תושב געוואָרן, האָט גערעדט וועגן „שבתי־צבי־איזום און חסידיזם.“ ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ גאַנץ נייע אָריענטאַציע וועגן דער אָנגענומענער מיינונג פון פאַלשן משיחיזם. און גאָר באַזונדער אינטערעסאַנט איז געווען דער רעפעראַט פון דעם יוגנטלעכן שיקל פישמאַן. ער האָט גערעדט וועגן די אויפגאַבעס פון דער יידישער קולטור. דער עולם האָט אים אויפגענומען מיט גאָר אַסך פרייד און באַגייסטערונג; ניט נאָר מחמת ער איז אַ יוגנטלעכער, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, נאָר ער האָט באמת באַהאַנדלט דעם ענין, גייסטרייך אינטערעסאַנט, זאַכלעך און רעאַליסטיש,

די דריי דערמאָנטע רעפעראַטן זיינען באמת געווען אַ מין סעמינאַר פון וויסן און אַ גרויס געווינס פאַר אונדזער יידישן עולם, וועלכער האָט דאָ ניט צו אָפט אַזעלכע גייסטרייכע פאַרטראַגן.

די הײ־יאָריקע קאָנפערענץ האָט, נאַטירלעך, זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פּראַקטישע און תכליתדיקע ענינים. וויכטיקע רעזאָלוציעס און גרעסערע אויפגאַבעס, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, זיינען זיך געשטעלט געוואָרן. בעמלעך: שאַפן דעם יאָר פאַר דעם „ייוואָ“ אין לאָס אַנגעלעס די סומע פון פופצן טויזנט דאלער, פאַרגרעסערן די מיטגלידערשאַפט; אויסברייטערן די פּעריפעריע פאַר „ייוואָ“ס טואונג און איינפלוס; פאַרברייטערן און פאַרמערן די זאַמלונג און אַרכיוו־טעטיקייטן פאַר „ייוואָ“ אין קאַליפאָרניע; אָרגאַניזירן די „ייוואָ“ זיצונגען און גרעסערע פאַרזאַמלונגען קולטורעל אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. פון די באַריכטן און דיסקוסיעס ביי דער קאָנפערענץ איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער פּאַקטישער געדאַנק, אַז די אמתע פריינט פון „ייוואָ,“ מיט אינטערעס און באַציאונג, זיינען טאַקע נאָר די יידישע פאָלקסמאַסן און יידישע אינטעליגענץ. ווארים פון דערפאַרונג האָבן מיר דאָ געלערנט אַז, די עלעמענטן וועלכע שטייען איצט ביי דער צעטיילונג פון די וועלפער פאָנדן, זיינען ווייט ניט פאַראינטערעסירט אין די טואונגען פון „ייוואָ“ און בכלל אין דער ריין יידישער קולטור. דער פאַקט, אַז ווען די „וועלפער“ אַקציעס זיינען ביי אונדז דאָ ניט געווען באַזונדערס הצלחהדיק, זיינען עס געווען די ערשטע געשניטן צו ווערן פון די סובסידיעס, די יידישע קולטור אנשטאַלטן.

אינם יאָר 1948 האָט דער „וועלפער“ באַוויליקט דעם היגן „ייוואָ“־קאָמיטעט די סומע פון $3,000; אינם יאָר 1949 בלויז 1200 , און לחלוטין אָפּגעשניטן פון וועלכע עס איז שטיצע צום „ייוואָ“ אין די יאָרן פון 1950-51. דער פאַקט ווערט גענומען ערנסט אין באַטראַכט און די קאָנפערענץ טראָגט אַריין אַ פּראָטעסט רעזאָלוציע קעגן אַזאַ ניט יושרדיקע פאַרטיילונג פון די פאָנדן; און פאַרלאַנגען פון וועלפער אַן הסכמה פאַר דער אָנפירונג פון אַן

אייגענער אַקציע לטובת דעם „ייווא". די עקזיסטענץ פון דער „ייווא" הענגט, לכן, אינגאַנצן אָפּ פון די, וועלכע פאַרשטייען די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם „ייווא" פאַרן שעפערישן לעבן און המשך פון אונדזער יידיש לשון און יידישער קולטור.

דורך דעם וואָס ס'איז געלונגען דעם „ייווא" קאָמיטעט צו פאַראינטע־רעסירן דעם באַקאַנטן פעדאַגאָג און קולטור־עסקן, אליעזר דאַריק, ער זאָל ווערן דער „ייווא" דירעקטאָר פאַר מערב ראַיאָן, איז צו האָפן, אַז מיט דער חברשער קאָאָפּעראַציע פון די היגע קולטור־טוער וועט די אַרבעט פאַר דעם „ייווא" אין ל. א. אַסך מער אויסגעברייטעט ווערן, און די דערגרייכונגען וועלן אויך זיין מער ממשותדיקערע, הן אין איכות און אין כמות.

---

## אַ באַגריסונג פון כאַוועד־פּאַווער

חשובע בויער און טוער פון לאָס אַנגעלעסער
יידישן קולטור־קלוב:

ס'איז אַ דערהויבונג אַריינצוקומען אין אייער בנין אויף מאַנראָו גאַס, דער איינציקער פון דעם מין, ניט נאָר אין לאָס אַנדזשעלעס, נאָר איבער גאַנץ אַמעריקע.

פון אַזוי פיל ווייטע גאַסן קומען יידן צו אייך אין איינציקן הויז פאַר יידישע קולטור, און איך, דער יידישער שרייבער, קום אויך. איך גיי אַריין דורך דער ברייטער טיר אָפן פאַר יעדן איינעם, און גלייך באַגעגענען מיך די טאַטעס און זיידעס—די אָבות פון דער יידישער ליטעראַטור. זיי קוקן אַראָפּ צו מיר פון אַלע ווענט. ס'קוקט אַראָפּ צו מיר י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, מענ־דעלע, און אַנדערע, און צווישן זיי, אים צו לענגערע יאָר, אויך אונזער ה. רויזענבלאַט, און זיי וואַרעמען מיך מיט זייערע בליקן, און זיי מוטיקן מיך מיט זייער מוט.

גיי איך אַריין אין ציכטיקן רחבותדיקן ביבליאָטעק צימער מיט די פילע ביכער־שאַפעס, זעץ זיך אַנידער ביים טישל און בלעטער די צייט־שריפטן, וואָס קומען אָן צו אייך פון דער גאַנצער וועלט.

קום איך נאָכדעם אַריין אין גרויסן ליכטיקן זאַל מיט די יום־טובדיקע יידן, ביי די יום־טובדיקע געדעקטע טישן, אין דער יום־טובדיקער שטימונג פון אויפנעמען אַ חשובן יידישן קינסטלער אָדער געלערנטן, אָדער אַ פּראָגראַם פון יידישן געזאַנג און שפיל, און האָב הנאה, הנאה אָבער געמישט מיט ווייטאָג, וואָס דער דאָזיקער בנין איז בלויז דער איינציקער פון דעם מין, ניט נאָר ביי אונז אין שטאָט, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד.

נעמט־זשע אָן מיין האַרציקע באַגריסונג און מיינע וואַרעמע וואונטשן, אַז מיר זאָלן דערלעבן צו פּראַווען אַזוינע יובילעאומס, ניט נאָר לכבוד אייער קולטור־קלוב אויף מאַנראָו גאַס, נאָר לכבוד נאָך און נאָך אַזוינע יידישע קלובן אויף אַנדערע גאַסן, אין פילע יידישע ישובים איבערן לאַנד.

מיט קולטור גרוס, אייער

**כאַוועד־פּאַווער**

אליהו טענענהאָלץ

# שוין פינף און צוואַנציק יאָר?

משמעות איז דאָס ווערטל „אַז מע לעבט דערלעבט מען" אַ גוט ווערטל און הלואי זאָלן אַלע אונדזערע פריינט לעבן און דערלעבן!

איז אַט־אַט שוין 25 יאָר טאַקע זינט יענעם ערשטן באַטראַכט־אָוונט ערגיץ אויף סאַנסעט בולוואַרד מכוח אַ יידישן קלוב אין לאָס אַנגעלעס. ס'איז געווען סוף יאָר 1926 און פון די עטלעכע גרופּענע מענטשן האָבן אַ פּאָר זיך אַליין באַלד צוריקגערופן, בעקאָס אידיש ווהאַליעוואוד ניעבודיעט סאַקסעס" האָבן זיי געזאָגט, זיי זיינען דאָ געווען פון די נייער איינסער יידישער אינטעליגענציאַ. . . .

נו, דער ל. אַ. יידישער קלוב איז דענסטמאָל צום לעבן געבראַכט געוואָרן אלס א יידיש ווינקל אָן אַ „פלאַט" און אָן אַ „פאַרמע", נאָר מיט אַ בטחון צו לעבן ווי אַ פּאַרצווייגטע פריינטלעכע יידישע משפּחה. איך זאָג דאָ „יידיש ווינקל" נישט לגנאי, חס ושלום, ווייל אונדזער „גאַס" איז דענסטמאָל געווען אַזוי שטורעמדיק, מען האָט דאַן (און, אפשר, נאָך איצט אויך . . . ( אַזוי שטאַרק „פאַרטיידיקט" די מענטשהייט, אַז קיין מענטש איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן . . .

און אונדזער בטחון האָט אונדז נישט מביש געווען.

באַלד, אין די ערשטע עטלעכע חדשים פונם קלובס זיין דאָ, האָבן מיר געיום־טובט אונדזער ערשטן יום־טוב פסח — משפחהדיק. אונדזערע קלוב־צימערן זיינען דאַן געווען ערגעץ אויף אַ משופּעדיקן באַרג, העט ווייט, אויפן וועג צו גלענדייל אַזש. מיר האָבן געמיינט, אַז אַחוץ אונדזערע פּאָר צענדליק מיטגלידער וועט קיינער נישט קלעטערן אויף אַזאַ משונהדיקן באַרג צו פּראַווען פסח, אַ צווייטן סדר און דערצו נאָך טראַדיציאָנעל יידיש, אָבער געקומען זיינען אַריבער הונדערט יידישע יידן צו אונדז, צום יידישן קלוב.

און יום־טוב איז עס געווען, פסחדיק, יידיש. די אַלטע הגדה מיט נייע זאָגער און הערער. מאַלאַמוד, אַ ייד אַ היינטיקער, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, אויף אַ הסב־בעט, האָט געגומען „זאָגן די הגדה" איז, כאָטש ער איז געווען אַ געגאָלטער, אָבער, אין זיין טראַדיציאָנעלן־פסח־טאָן האָט איר „דער־זען" אייער היימישן טיש מיט אייער אייגענעם זיידן מיט דער ווייסער באָרד. די סעודה איז אויך געווען אמת פסחדיק. צוגעגרייט עכט היימישלעך פון אונדזערע פרויען־מיטגלידער. מען האָט געלייענט אייניקע פסח־מעשהלעך פון דער יידישער ליטעראַטור. מען האָט גערעדט וועגן דעם יום־טוב פסח אין דער היינטיקער אויסטייטשונג. מען האָט פאַרבראַכט אַ פריידיקן פסח־סדר, דער ערשטער אַלטער יידישער יום־טוב אינם נייעם יידישן קלוב אין לאָס אַנגעלעס.

איז אַט־אַט שוין טאַקע 25 יאָר אַוועק. נו, אַ סך וואַסערן האָבן אין אַט דער צייט, רעש׳יק פאַרבייגעשראַמט. אייניקע רעגן־וואַסערן ניט צו זוי־בערע, אָבער דעם יידישן קלוב האָבן זיי ניט פאַרשווייגט . . . עס איז נישט קיין מדרגה צו קוקן צוריק, בעטער צו קוקן פאַראויס, נאָר אַז מען זיצט באַקוועם ביים טיש, באַשיצט פון די ווענט פון דיין שטוב, מעג מען אַמאָל זיך אומקוקן אויף צוריק — קיינער וועט דיך נישט איבערפאָרן . . .

איז אַט דערמאָן איז זיך אַן אָוונט מיט דעם באַרימטן בעל־מנגן, חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט, ע״ה. געקומען ווי אַ גאַסט אין קלוב און גלייך דערפילט די אינטימיטעט, די משפחהדיקייט פון יידישע יום־טובדיקע יידן . . . פריי און היימיש איז ער צוגעקומען צו דער פּיאַנא, זיך באַגלייטן, און אויסגעזונגען זיין „ברנגה״. דער עולם האָט מיטגעזונגען, מיט אַזויפיל פרייד, מיט אַזויפיל מתיקות . . . .

כ׳האָב געטראַכט, דאָס איז ניט נאָר „גערעדט״ קולטור, נאָר געלעבט און דורכגעלעבט זיך יידיש קולטורעל . . .

אַט זע איך אַן אַנדער „אָוונט״ אין אונדזער קלוב. מיר, די פאַרזאַמלטע מיטגלידער, זיצן באַקוועם אויף אונדזערע ערטער און קוקן מיט התמדה צו דער מזרח־וואַנט. דאָרט נעבן אַ טישל זיצט אַן עלטערער ייד, אַ ברייטלעכער, די ווייסע האָר אויף זיין מתמיד־קאָפּ זיינען אַ ביסל טאָלסטאָי׳איש־לאַנגלעך, זיין פּנים נישט „געקנייטשט״, גאָרנישט ווערליק זיין עלטער, נאָר קינדיש דורכזיכטיק און שטענדיק גוטמוטיק, ווי סע וואָלט, אַן ווערטער, תמיד גע־זאָגט: „דאגהט נישט, חברים, דאגהט נישט״, זיינע אויגן געווענדעט מער צו אונדז ווי צום בוך פון וועלכן ער לייענט. ניין, ער לייענט נישט, ער לערנט מיט אונדז אַ „בלאַט״ פּראַטאָקאָל . . . ער איז אַמאָל געווען אַ לערער, אָבער קיינמאָל נישט קיין מלמד, ווייל ביז אין זיין הויכן עלטער איז ער געבליבן אַ תלמיד — אַ תלמיד־חכם, אונדזער ליבער חבר חיים גאָלדבלום, עליו־השלום.

איך וואָלט זייער געוואָלט דערמאָנען דאָ כאָטש נאָך איין אָוונט. דאָס איז געווען פאַר היפּשע עטלעכע יאָר אינם לעבן פון אונדזער קלוב דער פריי־טיק־צו־נאַכטס; וואָך־איין, וואָך אויס פלעגן זיך צונויפקומען אַרום אַ צוואַנציק אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע קינדער און האָבן געלערנט פון אונדזערע קלאַסיקער, פון אונדזערע מאָדערנע דיכטער, און נאָכדעם אַזוי תמימותדיק פאַרשאַפט אונדז פרייד אין פאַרגעניגן מיט זייער פאַרלעזן און דעקלאַמירן. אָבער מיר דוכט זיך אַז דער דאָזיקער „אָוונט״ איז נישט קיין נאָטיץ, נאָר טאַקע אַ קאַפּיטל . . . אַ קאַפּיטל דראַמאַטישע סטודיע . . .

מער, געוויס מער ווי אַ נאָטיץ דאָ פאַרדינען אַ סך פון די חברים און חברות, וועלכע ווערן נישט מיד פון כסדרדיקער אַרבעט אין קולטור קלוב. זיי האָבן גובר געווען אַלערליי נסיונות און געהאָלפן דערברייינגען צום היינ־טיקן יובל, אָבער זייער שכר האָבן זיי אין זייער הנאה פון דער אַרבעט — יישר כוח!

**אסתר שומיאַטשער - הירשביין**

# אונדזער קולטור-קלוב — אַ מכנים אורח

דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור-קלוב איז דורך אַ פערטל יאָר-הונדערט געווען—און איז—אַן איבערגעגעבענער מכניס-אורח פאַר אונדזער באַוועגלעכער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

הכנסת אורחים איז געווען פאַררעכנט ווי איינער פון אונדזערע מאָראַליש-גייסטיקע זיילן אינעם יידיש-טראַדיציאָנעלן לעבן. דער באַגריף: שמחה של מצוה"—די פרייד פון טאָן אַ גוטע זאַך—דאָס זיינען געווען די גייסטיקע פליגל פונעם יידישן מענטשן; דאָס זיינען געווען די עולמות העליונים פונעם יידישן מענטשן; דאָס זיינען געווען די עולמות העליונים פונעם יידישן פאַרשמאַיעטן, פאַרהאַרטעוועטן, נאָך-פרנסה-זיך-יאָגנדיקן יידן. אָט-די דאָזיקע רגעס פון השתפחות הנפש, זיינען דאָס געווען די ציטריקע טראָפּן האָניק אין אַ צעבור-שעוועטן יידישן „ים" פון דלות און געפּאַלנקייט.

מען רעדט ביי אונדז אַזויפיל וועגן אהבת ישראל. מען וויל זיך דער-גרונטעווען צו יענע גייסטיקע יסודות, וואָס האָבן אונדז, אין שטורם און פייער, געהאַלטן אַלס פאָלק. געוויס דאַרף יידיש נישט שטאַרבן כדי העברעאיש זאָל לעבן, און אַוודאי דאַרף אונדזער קולטור אין גלות ניט גוססן צוליב דעם, וואָס מיר האָבן דערלעבט די פרייד פון דער גאולה—און דער קולטור-קלוב איז פון זיין געבוירן-אָן אַ יידישע אינסטיטוציע.

איז דאָך דער ספר געווען אַמאָל פאַרן מענטשן, ווי האָלץ פאַרן הונגער פון פייער. דאָס פאָלק פון תורה און דלות האָט אונדזערע יידישע דיכטער אויף די הענט און אין האַרצן געטראָגן; דער בעל-שם האָט פאַרן יידן געמאַכט, די זון זאָל לויכטן אין דער פינסטערער נאַכט; ער האָט דאָס פאָלק געגעבן פרייד און געלעכטער—אַזוי האָט אונדזער פקחותדיקער יידיש געטראָגן אין זיך די האַרמאָנישע צונויפגיסונג פון ירושהדיקייט און לעבן.

אַוודאי דאַרף מען גלויבן אין אַ הימל, כדי צו גלויבן אין דער צוקונפט פון דער ערד. פייערט היינט דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור-קלוב פינף-און-צוואַנציק יאָר אַרבעט און גלויבן. די פאָלקס-מענטשן, וואָס דאגהנען פאַר דעם קיום פון דעם דאָזיקן קולטור-ווינקל—דאָס איז זייער הימל וואָס זיי האָבן געבויט, כדי אויפצוהאַלטן דעם צלם-אלקים, כדי ניט צו גיין פאַרלאָרן.

יעדער איינער דאַרף אָפּהיטן די בחינה פון משיחן, וואָס ער טראָגט אין זיך, ווייל יעדער איינער, לויט דער מאָס פון זיין הייליקייט און ריינקייט, פאַרמאָגט אַ בחינה פון משיחן.

ווינטש איך דעריבער, אַז די קלוב-טוער זאָלן פון היינט און ווייטער געפירט ווערן דורך דער פאָלקס-וויזיע, מיר זאָלן משלמות דערגרייכן צו יענע אייביקע אמתן, וואָס האָבן אונדז ביז אַהער געהאַלפן אַלס פאָלק.

„אַ היים פאַרן יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה"—אַ יישר-כח!

### ס. פאַגעל

# דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג

אַ נייע אינסטיטוציע אויף דער יידישער גאַס אין לאָס אַנגעלעס איז דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג. געגרינדעט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, צילט ער אָבער צו דינען דער ברייטער באַפעלקערונג אין שטאָט אַלס צענטער פאַר יעדן מין יידישער קולטור און דערציאונג טעטיקייט.

פאַר לאַנגע יאָרן איז אַזאַ אינסטיטוציע געווען דער חלום ביי פילע טוער און מיטאַרבעטער אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, און ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז דער חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן, אַמוויינינקסטנס אויף וויפיל עס האָט געהאַט צו טאָן מיט אויפשטעלן דעם בנין פאַר דער געפּלאַנטער טעטיקייט.

דער בנין אויף דער דריטער גאַס און פלאָרעס, אין דעם געדיכטן יידישן געגנט פון בעווערלי־פעירפעקס, איז אַ מאָדערנער און באַקוועם אויסגע־שטאַטער. אין אים איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ גאַנץ באַדייטנדע סומע געלט, געשאַפן אין משך פון עטלעכע יאָר דורך אַ צאָל טוער, מיט יצחק גאָרין בראש, וועלכער איז געווען דער פּרעזידענט פון אינסטיטוט, ביז עס איז אויפגעבויט געוואָרן און דערעפנט געוואָרן פאַר זיין טעטיקייט לעצטן יאָר.

אין דעם איינעם יאָר האָט דער אינסטיטוט זיך שוין דערוואָרבן אַ געוויסע פּאָפּולאַריטעט, אָנהויבנדיק אַנטוויקלען זיין אַרבעט.

קודם כל איז אין אינסטיטוט דערעפנט געוואָרן אַ העברייאיש־יידישע נאָכמיטאָג שול און קינדערגאַרטן. היי־יאָר האָט דער קינדערגאָרטן שוין דריי קלאַסן און דריי קלאַסן זיינען אויך פאַראַן אין דער נאָכמיטאָג שול. דאָס אַלעס איז ערשט דער אָנהויב, וואָס דאַרף אויסגעברייטערט ווערן קומענדן יאָר מיט דערעפענען אַ גאַנצע טאָג־שול.

דער אינסטיטוט איז אָבער מער ווי אַ שול פאַר קינדער. ער זוכט צו דינען אַלע שיכטן און אויך יעדן עלטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. אין דער ריכטונג האָט די פאַרוואַלטונג פון אינסטיטוט שוין פאַראַיאָרן איינגע־פירט אַ וועכנטלעכע מלווה־מלכה—אַ צוזאַמענקונפט יעדן שבת אָוונט, וואו דערוואַקסענע זאָלן אין אַ יידישער אַטמאָספערע און שטימונג אויך געניסן פון אַ יידישן קולטור וואָרט און הערן אַ וואָרט תורה. דער באַקאַנטער געלערנ־טער, חיים שויס, האָט זיך באַטייליקט אין די אָוונטן מיט „זאָגן תורה" און די פּראָגראַם איז אויסגעפילט געוואָרן מיט געזאַנג בציבור, יידישע נייעס פון דער וואָך, און אַזוי ווייטער.

ווידער איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו דערעפענען קורסן פאַר דער־וואַקסענע: אין יידיש, העברייאיש, תנ"ך, יידישע געשיכטע, ארץ־ישראל וויסן, פּראָבלעמען פון ישראל און אַנדערע געגנשטאַנדן. דער פּרואוו ווערט פאַר־געזעצט היי־יאָר מיט גרעסערע דערוואַרטונגען און עס ווערן איצט אָרגאַני־

זירט אַ פּאָרום פאַר יוגנטלעכע, אַ פאָרום פאַר געזעלשאַפטלעכע און ליטע־ראַרישע ענינים, און עס ווערט געמאַכט אַן אָנהויב פון אַ יידישער ביבליאָטעק.

פון באַזונדער באַדייטונג זיינען אין דעם אינסטיטוט די פייערונגען פון יידישע ימים טובים; אין דעם פּרט ווערט געזוכט און אויסגעאַרבעט אַ נייער צוטריט פאַר דעם מאָדערנעם יידן—דעם יידיש, ווי דעם ענגליש־ריידענדן—צו דער באַדייטונג פון די ימים טובים און זיין אנטייל אין זיי. דער נוסח, וואָס זאָל זיין אַ סינטעז פון טראַדיציע און מאָדערנער אויפפאַסונג, ווי געזאָגט, ווערט געזוכט, אָבער די ערשטע שריט זיינען שוין געמאַכט געוואָרן לעצטן יאָר מיט אַן עפנטלעכן סדר אום פּסח און אַ שבועות טיש, וואָס האָבן איבער־געלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די באַטייליקטע. היי־יאָר ווערט די פּראָגראַם פאַרגעזעצט מיט סוכות פייערונג און אויך אַנדערע פון דעם מין.

עס איז ניט שייך צו ריידן וועגן פּלענער, בשעת זיי זיינען נאָך ניט דורכ־געפירט און די ביז איצטיקע דערגרייכונגען זיינען נאָך ניט קיין צו גרויסע—זיי ווערן אָבער דערמאָנט, כדי אָנצודייטן, וואָס דער אינסטיטוט איז און וויל זיין: אַן אינסטיטוציע פאַר קולטור און בילדונג פאַר דעם מאָדערנעם יידן, דעם יונגן, ווי דעם דערוואַקסענעם; אַ היים פאַר תורה און יידישן וויסן; אַ געצייג אין דער אויפקלערונג פון מאָדערנער יידישקייט; און אַ מעגלעכ־קייט פאַר דעם מאָדערנעם היגן יידן צו געפינען זיך אין די נייע היינטיקע אומשטענדן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן.

---

## נאָך אַ פינף-און-צוואַנציקער דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב

וואָך איין וואָך אויס זיינען יידן געקומען אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב, געהערט אַ לעקציע, אַ פאָרלעזונג, אַ קאָנצערט; אַמאָל געזען אַ טעאַטער פאָר־שטעלונג—אַזוי פינף־און־צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד.

דאָס איז אַ באַווייז, אַז דער עולם דאַרף און וויל האָבן אַזאַ ווינקל ווי דער יידישער קולטור־קלוב.

שיק איך דעם קלוב אַ טשעק אויף נאָך פינף־און־צוואַנציק יאָר, אויס־געשטעלט אויף דער צייט־באַנק. דעפּאָנירט אים געזונטערהייט, און אַז מיר'ן דערלעבן דעם פופציק יאָריקן יובל פון קלוב, וועלן מיר דאַן זען...

**ש. מיללער**

אַן אייגענער

# די יידישע ביבליאָטעק ביים ל. א. יידישן קולטור-קלוב

ביים ל. א. יידישן קולטור־קלוב, אין משך פון זיין 25 יאָריקן עקזיסטירן, איז כסדר געווען אַ קליינע ביבליאָטעק, מיט אַ פּאָר שאַפעס יידישע ביכער, אָבער ווייט ניט גענוג מע זאָל עס געוועז קענען באַצייכענען ווי אַ פאָלקס־ביבליאָטעק. און אַפילו דאַן, אין 1946, ווען מ'האָט שוין אויפגעבויט דעם גרויסן פּראַקטיקן בנין אונדזערן, האָט מען אויך דעם ענין ביבליאָטעק אַביסל פּאַרזען. דער ביבליאָטעק צימער איז פּשוט געווען צו קליין פאַר דעם גרויסן ביכער פאַרמעג אונדזערן, און, אָט דער טעות איז, צו אונדזער אַלעמענס פרייד, לעצטנס פאַרריכט געוואָרן.

לעצטן יאָר האָט דער קולטור־קלוב צוגעבויט אַ נייעם פליגל צו זיין בנין און אונדזער ביבליאָטעק איז געוואָרן אַסך פאַרגרעסערט און פאַרשענערט: אַ זויבערער, שיינער, גרויסער, ליכטיקער צימער; פיינע באַקוועמע שטולן; די ווענט שיין באַצירט מיט פאַסיקע, בילדער—אַ נחת־רוח אַריינצוקומען. גרויסע שאַפעס אַרום די ווענט אָנגעפּילט מיט כלערליי יידישע ביכער: פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, וויסנשאַפט, דראַמע און געשיכטע; ביכער וועגן עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע; איבערזעצונגען, ענציקלאָפּעדיעס און לעקסיקאָנען. אויך אַ צאָל העברעאישע ביכער און ספרים; גמרות און משניותן, און ביכער וואָס זיינען אַ יקר־המציאות.

לויט אונדזער ציילונג זיינען פאַראַן אין אונדזער ביבליאָטעק נאָענט צו אַ 17 הונדערט „איינסן". מיר האָבן באמת פריער גאָר אַליין ניט געוואוסט אַז מיר פאַרמאָגן אַזאַ גרויס עשירות.

חוץ די ביכער קומען אויך אַריין אין דער ביבליאָטעק די מערסטע יידישע טעגלעכע צייטונגען, וואָכנשריפטן, פעריאָדישע זשורנאַלן פון אַלע אַמעריקעס, אייראָפּע און ישראל.

הגם מיר האָבן אַ פיינע לייענערשאַפט און אָפּנעעמער פון יידישן בוך, איז עס אָבער אונדזער גרויסער וואונטש אַז די לייענערשאַפט פון אונדזער ביבליאָטעק זאָל נאָך מער פאַרגרעסערט ווערן: סיי די מיטגלידער פון קולטור־קלוב און סיי יידישן יידן בכלל, וועלכע האָבן הנאה פון אַ יידיש בוך, זאָלן ווערן אונדזערע שטענדיקע לייענער.

די ביבליאָטעק איז אָפן און פריי פאַר אַלעמען און איז גרייט אייך מהנה צו זיין.

# רשימה פון קולטורעלע שבת-צו-נאַכטן און אַנדערע אָוונטן
# אין זמן 1950-1951

א) שבת אָוונט, דעם 14טן אָקטאָבער:—אָפיציעלע דערעפענונג פון 25טן זמן און ביבליאָטעק. באַטייליקטע: פייגעלע פאַניץ, יודזשינאַ ברומאַן, מאַניאַ טשערניאַווסקי, אירווינג ראָס, פיאַנאָ, און זיגמונד ליעוו. פאָרזיצער פון אָוונט: י. פרידלאַנד.

ב) שבת, אָקטאָבער דעם 21טן, צו דער דערשיינונג פון כאַוועך-פּאַוערס בוך „גיבורים פון דער נאַכט.״ אנטייל-נעמער אינם אָוונט: ליאָן מאַלאַמוט, אַרנאָלד טעני, ש. מילער, קלמן מרמר, י. פרידלאַנד; ה. רויזענבלאַט, פאָרזיצער.

ג) שבת, אָקטאָבער דעם 28טן: אינסטאַלירונג פון באַאַמטע, פאַרוואַלטונג און עקזעקוטיוו.

ד) שבת, נאָוועמבער דעם 4טן:—ה. רויזענבלאַט אין אַ רעפעראַט וועגן יידישער פּאָעזיע.

ה) שבת, 11טן נאָוועמבער: אַ לעבעדיקע ליטעראַרישע זאַמלונג מיט דעם אנטייל פון: י. בראַנשטיין, מאַטעס דייטש, כאַוועך-פּאַוער, י. פרידלאַנד, ברכה קודלי, פּנחס בערמאַן, שפרה וויס, לאָטי מלאך און יצחק ניומאַן.

ו) שבת אָוונט, 18טן נאָוועמבער:—קליין-קונסט טעאַטער אָוונט. אנטייל-נעמער: די שוישפּילער ראובן און לאה וועגדאָרף און עזרא שטיין.

ז) שבת, 25טן נאָוו., אין חודש פון יידישן בוך (פון 3טן נאָוו. ביז 3טן דעצ.). צווישן די אָוונטן פון חודש איז אויך געווען אַ שמ״ר פייערונג, צו דער געלעגנהייט פון דער דערשיינונג פון ראָוז שמר-באַטשעליס׳ בוך „אונ-דזער פאָטער שמר.״ אנטיילנעמער: קלמן מרמר, זלמן זילבערצוויג, מאַטעס דייטש, צילי סילווער, יעקב ניומאַן, ליאָן מאַלאַמוט, ראָוז שמר-באַטשעליס; ה. רויזענבלאַט, פאָרזיצער.

ח) שבת אָוונט, דעם 2טן דעצעמבער: פּרץ הירשביין אָוונט.—אנטיילנעמער: עמוס הירשביין, משה ליבמאַן, אליהו טענענהאָלץ.

ט) שבת אָוונט, 9טן דעצעמבער:—אַ חנוכה פייערונג, דורכגעפירט פאַר-איינעקט מיט דער מיטלשול. באַטייליקטע: תלמידים, אין אַ נאַראַציע וועגן העראָאישן קאַמף פון די חשמונאים; געזאַנג; ד״ר קורמאַן אין אַ רעפעראַט וועגן חנוכה. אַ באַגריסער פון קלוב, בען צוקערמאַן; אַלעקס רובין, פון דער מיטלשול פאַרוואַלטונג, פאָרזיצער.

י) שבת אָוונט, דעם 16טן דעצעמבער: אַ גענעראַלע פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט.

יא) שבת, דעם 23טן דעצעמבער: אַ ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דער דער-שיינונג פון י. בראַנשטיינס ניי בוך לידער. אנטיילנעמער: קלמן מרמר, דער אַרטיסט בלייפער, חברה פינקלשטיין, אַ טאַלאַנטירטע פּיאַניסטין, און דער מחבר פון בוך. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער פון אָוונט.

יב) שבת אָוונט, דעם 6טן יאַנוואַר: אַ טעאַטער אָוונט, פון דער טעאַטער־גרופּע, אונטער דער רעזשי פון אליהו טענענהאָלץ. אויפגעפירט: „דער זעלבער גורל" פון ישראל אַשענדאָרף, און שלום־עליכמס „ס׳אַ ליגן". אנטיילנעמער: חנה פריינדליך, מרדכי מייזל, דוד אייזנבערג, אַברהם ראָר, משה מאַנדלבוים און אליה טענענהאָלץ; זלמן זילבערצווייג וועגן טעאַטער.

יג) שבת אָוונט, דעם 13טן יאַנוואַר: בשותפות מיט דעם ש. מילער בוך קאָמיטעט ווערט אויפגענומען זיין ניי בוך „דור המדבר." אין אָוונט האָבן אנטייל־גענומען: מ. פּאַגל, ד״ר קורמאַן, י. ווייסשטיין, י. פרידלאַנד, כאַזאַנאָוו און מאָרגנשטערן, און דער מחבר פון בוך. א. ראַבינס פאָרזיצער פון אָוונט.

יד) שבת, דעם 20טן יאַנוואַר: קליין־קונסט אָוונט, אויפגעפירט פון לאה און ראובן וועגדאָרף, און צירל דזשאַגזשינסקאַיאַ, אין „מוסר" פון י. ל. פּרץ; „טאַבאַק איז שֶעדלעך," פון טשעכאָוו, און „אַפּעטיט שטראַלן" פון אָסיפּ דימאָוו.

טו) שבת אָוונט, דעם 27טן יאַנוואַר: אַ גענעראַלע פאַרזאַמלונג.

טז) שבת אָוונט, דעם 3טן פעברואַר: ווערט דורכגעפירט אַ קבלת פנים פאַר דעם באַוואוסטן דיכטער יוסף רובינשטיין. אנטיילנעמער אין אָוונט: ה. רויזענבלאַט, אין אָפּשאַצונג פון רובינשטיינס שאַפונגען; סעם בראודי, אין געזאַנג נומערן; גרשון קינגסלי, פּיאַנאָ; דער דיכטער איבער דער טעמע: „דיכטונג און וויזיע". פאָרזיצער פון אָוונט: י. פרידלאַנד.

יז) שבת אָוונט, דעם 10טן פעברואַר: דער הונדערט יאָריקער געבוירנטאָג פון י. ל. פּרץ. אין פּראָגראַם פון אָוונט באַטייליקן זיך: מ. פּאַגל, מיס ראַשע, אין יידישע און העברעאישע לידער; זיגמונד ליעוו אין „מאָניש"; בען צוקערמאַן, פאָרזיצער פון אָוונט.

יח) שבת אָוונט, דעם 17טן פעברואַר: צו דער געלעגנהייט פון 70 יאָריקן יובל פון דעם באַרימטן מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָר, ערנסט בלאָך, האָט לייב גלאַנץ רעפערירט איבער בלאָכס מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, מיט אילוסטרירטע מוזיקאַלישע נומערן. בען צוקערמאַן, פאָרזיצער.

יט) שבת אָוונט, דעם 24טן פעברואַר: אַ גענעראַלע פאַרזאַמלונג.

כ) שבת, דעם 3טן מערץ: אַן אינטימער ליטעראַרישער אָוונט מיט די באַטייליקטע חברים: בען צוקערמאַן, משה לייב קאַפּילאָף און י. פרידלאַנד.

כא) שבת אָוונט, דעם 10טן מערץ: אַן אָפּשייד־אָוונט פאַרן דיכטער יוסף רובינשטיין, מיטן אנטייל פון ה. רויזענבלאַט, ש. מילער, ר. האָניג און דער גאַסט אַליין אין אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט איבער דער טעמע: „וועלט איינפלוסן אין דער יידישער ליטעראַטור."

כב) שבת אָוונט, דעם 17טן מערץ: י. ברזלי אין אימפּראָוויזאַציעס איבער אַ צאָל דיכטער פון זייערע שאַפונגען: לייוויק, צייטלין, לוצקי, איציק מאַנגער, ה. רויזענבלאַט און ז. שניאור. י. פרידלאַנד אין קורצע באַמערקונגען וועגן די דערמאָנטע דיכטער. די נומערן זיינען באַגלייט געוואָרן ביי דער פּיאַנאָ פון יודזשינאַ ברומאַן.

כג) שבת אָוונט, 24טן מערץ: אַ פּורים פאָרשטעלונג, אַ סצענע אין איין אַקט, ביים מלך אַחשורוש אין פּאַלאַץ, לויט מגילת אסתר. צוזאַמענגעשטעלט

און רעזשיסירט פון י. פרידלאַנד, מיטן אנטייל פון אַ צאָל חברים און חברות פון קלוב. דעקאָראַציעס פון חבר ראבינסאָן, אָרקעסטער, טאַנץ און בופעט.

כד) שבת אָוונט, 31טן מערץ: ד״ר פראַנק אין אַ רעפעראַט איבער „די לעצטע פופציק יאָר יידישע געשיכטע.״ פאָרזיצער: י. פרידלאַנד.

כה) שבת אָוונט, דעם 14טן אַפּריל: אַ סימפּאָזיום וועגן איצטיקן קריזיס אין ישראל. אנטיילנעמער: הרב זילבערשטיין, דר. ג. האָניג און ב. צוקערמאַן.

כו) שבת אָוונט, דעם 21טן אַפּריל: צווייטער סדר מיט אַ פּסח פּראָגראַם דורכגעפירט פון אייגענע חברים מיטגלידער: בן יעקב, קאָפּעלאָף, בען צוקערמאַן, י. פרידלאַנד ,און געזאַנג בומערן פון אַן ארץ־ישראל זינגערין, בעלאַ דור...

כז) שבת דעם 28טן אַפּריל: אַן אָוונט פון ליד און פּראָזע. אנטיילנעמער, די שרייבער: כאַווער־פּאַווער, יחזקאל בראנשטיין, פּינחס בערמאַן, י. פריד־לאַנד און שפרה וויס.

כח) שבת אָוונט, דעם 12טן מאַי: 3 יאָר פייערונג פון מדינת ישראל. אַ קלאַנג־פילם „די ערד זינגט״; עמרם, פּיאַנאָ סאָלאָס. לייב גלאַנץ וועגן 3 יאָר מדינת ישראל; ישראל טענץ און געזאַנג.

כט) שבת אָוונט, דעם 19טן מאַי: טראַדיציאָנעלער שלום־עליכם אָוונט. מ. פּאָגל וועגן שלום עליכם; אליהו טענענהאָלץ, אין פאָרלייענונגען; פייגעלע פּאַניץ, אין פאָלקס־לידער; יודזשינאַ ברומאַן ביי דער פּיאַנאָ. ה. רויזענ־בלאַט, פאָרזיצער.

ל) שבת אָוונט, דעם 26טן מאַי: אַ גענעראַלע פאַרזאַמלונג.

לא) שבת, יוני דעם 2טן: אַ מוזיקאַלישער אָוונט מיט דעם ישראל קינסטלער עמירם; חזן סילווערמאַן אין פאָלקס־לידער; בען צוקערמאַן, פאָרזיצער.

לב) שבת, יוני דעם 9טן: אַ שבועות פייערונג. וועגן יום־טוב שבועות—ד״ר קורמאַן. יואל גערסאָן, געזאַנג; ביי דער פּיאַנאָ, בערטאַ גערסאָן. פאָר־לייענונגען: משה מאַנדלבוים. פאָרזיצער: בען צוקערמאַן.

לג) שבת אָוונט, דעם 16טן יוני: דער אָפּשלוס פון 25טן זמן פון קולטור־קלוב. באַטייליקטע: פייגעלע פּאַניץ, יודזשינאַ ברומאַן, זיגמונד ליעוו, משה שטראָסבערג און י. פרידלאַנד, באַמערקונגען צום סיום הזמן. ה. רויזענ־בלאַט, פאָרזיצער.

לד) מיטוואָך אָוונט, דעם 18טן יולי: אַ געדענק־אָוונט צו שלושים נאָכן באַ־וואוסטן שריפטשטעלער און קולטור־עסקן, ישראל אָסמאַן, איינגעאָרדנט פון קולטור־קלוב בשותפות מיט דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג און הסתדרות עברית. איינטיילנעמער: יעקב אַלקאָוו, פאָרזיצער; אהרן טאַניס, ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד און חזן נתן קאַצמאַן.

לה) 10 קולטורעלע דאָנערשטיקן; שמועסן איבער פאַרשיידענע ליטעראַרישע און קולטור פּראָבלעמען, אונטערן פאָרזיץ פון עזרא גודמאַן.

**סך־הכל**—אין דעם זמן פון 1950-51 איז דורכגעפירט געוואָרן 44 אָוונטן פון ליטעראַטור, געזאַנג, מוזיק, לעקציעס און דיסקוסיעס.

# יידישע אָרדנס אין לאָס אַנדזשעלעס

צונויפגעשטעלט פון א. באַביטש

## דער אַרבעטער רינג

אין לאָס אַנדזשעלעס איז דער ערשטער ברענטש פון אַרבעטער רינג געגרינדעט געוואָרן ביים סוף פון יאָר 1908. די מיטגלידער, אַזוי ווי די מערסטע ברענטשעס, זיינען מערסטנס געווען אַרבעטער און פּעדלער, וועלכע זיינען געווען ראַדיקאַל געשטימט און זיך ניט געקענט איינלעבן מיט די מנהגים און דעם אָרדן ברית אַברהם, וועלכער האָט אויך אין לאָס אַנדזשעלעס געהאַט אַ לאַדזש; און פון די אַנגעקומענע אימיגראַנטן פון די איסטערן שטעט, וועלכע האָבן שטאָלצירט מיט זייער אָנגעהעריקייט צום אַרבעטער רינג.

אין יענע יאָרן האָט אַ געזעלשאַפט אין ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך גערופן דער „רעמואוועל אָפיס", וועלכע האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן וואָס מער פון יידישע בעלי־מלאָכות און יידן וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין פאַרמעריי—אין דער וועסט און אין די סאַוט. די געזעלשאַפט האָט געזאָרגט אַרויסצופטרן וואָס מער פון די דאָזיקע בעל־מלאָכות, פון ניו־יאָרק. נאָכדעם אָבער האָבן זיי ווייניק זיך געזאָרגט וועגן איינאָרדנען די אַוועקגעשיקטע מענטשן אויף די באַטרעפנדע ערטער. אַזעלכע מענטשן האָט מען אויך געשיקט קיין לאָס אַנדזשעלעס. דאָס רוב פון די איבערוואַנדערער זיינען געווען „קבצנים אין זיבן פאָלעס", און זייער הילפלאָזע לאַגע אין לאָס אַנדזשעלעס איז געווען אַ שרעקלעכע.

אין יענע יאָרן פלעגן אויך זייער פיל קראַנקע אַרבעטער געשיקט ווערן קיין לאָס אַנגעלעס פון די שטעט אין די איסט. ספּעציעל פלעגט מען קיין לאָס אַנגעלעס שיקן די יונגע מענער און פרויען וואָס זיינען אָנגעגריפן געוואָרן אויף דער טובערקולאָז קרענק.

די טראַגעדיע מיט די טובערקולאָזע קראַנקע איז געווען אַ גרויסע. זייער אַפּיל פאַר הילף האָט צעריסן דאָס האַרץ. עס זיינען אַפילו געווען פאַלן, ווען קראַנקע פלעגן אין די גאַסן אויסגיין, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד, ניט קענענדיק מער איבערטראָגן זייער פאַרצווייפלטע לאַגע. איז דער אַרבעטער רינג ברענטש געווען דער ערשטער אָרט, וואו מ'האָט אָנגעפאַנגען ריידן וועגן שאַפן אַ באַוועגונג צו העלפן די קראַנקע.

אַרום דער הילפס באַוועגונג פאַר די קראַנקע האָבן אַלע פאָלקס מענטשן זיך ווערבירט. אָנגעפירט די באַוועגונג האָבן טוער פון אַרבעטער־רינג. און ביים איינציקן ברענטש פון אַרבעטער רינג איז פאַרטראַכט געוואָרן דער געדאַנק צו קויפן לאַנד, כדי צו בויען אַן אייגענעם פרייען סאַנאַטאָריום פאַר די אַלע קראַנקע, וואָס קומען אין לאָס אַנגעלעס. דער געדאַנק פאַר אַ סאַנאַטאָריום האָט גיך אָנגעשלאָגן אין אַלעמענס הערצער.

היינט־צו־טאָג, ווען דער סאַנאַטאָריום אין דואַרטע ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די גרעסטע און בעסטע אין אַמעריקע, און וואו עס האָבן פאַר

דער צייט פון עטלעכע און דרייסיק יאָר געפונען היילונג און רעטונג פילע צענדליקער טויזנטער אַנגעגריפענע יונגע מענטשן, איז דער אַרבעטער רינג, לאָקאַל און נאַציאָנאַל — נאָך אַלץ שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער הייל־אינסטיטוציע. און אַ דאַנק אַט־דעם גרויסן אינטערעס וואָס דער אַרבעטער רינג און די אַנדערע פאָלקס־מענטשן נעמען, איז אונדזער סאַנאַ־טאָריום אין דוואַרטע פאַרבליבן אַלס די פאָלקסטימלעכסטע פרייע אינסטיטוציע וואו די קראַנקע ווערן באַהאַנדלט אַזוי ווי פון אייגענע, און וואו די קראַנקע פילן אַז זיי ווערן אויסגעהאַלטן אַזוי ווי פון אַן אייגענער פאַמיליע.

פון רעדנער און לעקטאָרן איז אונזער אומפאַרגעסלעכער ברוך וולאַדעק געוועזן דער ערשטער פּיאָנער אונטערצונעמען אַ לעקציע טור איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע און פאָרן אַזוי ווייט ווי ביז קאַליפאָרניע.

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון קיין באַזונדערן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און ניט פון קיין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. דאַן האָט יעדער פּראָגרעסיווער ייד געזוכט צו באַלאַנגען צום אַרבעטער רינג, די איינציקע ראַדיקאַל אומפּאַרטייאישע פראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע. ציוניסטן, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן און אומפּאַרטייאישע, האָבן באַלאַנגט צוזאַמען אין די זעלביקע ברענטשעס און אויפגענומען געמיינזאַם וולאַדעק, יאַנאָווסקין, דר. זשיטלאָווסקי, און דר. סירקין, און די פילע אַנדערע רעדנער און לעקטאָרס וואָס האָבן אַנגעפאַנגען באַזוכן לאָס אַנדזשעלעס. דער אַרבעטער רינג איז געוועזן זייער „לעקטאָר ביורא" און זייער אַדרעס און זייער מכניס אורח.

אין יענע צייטן איז צווישן די פּראָגרעסיווע יידן פּאָפּולער געוועזן דער געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען. אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע בעקע־רייען האָבן דאַן עקזיסטירט אין אייניקע גרעסערע שטעט אין לאַנד, און אויך איז דאָ דאַן געגרינדעט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, כדי צו באַקעמפן דעם יקרות אויף ברויט, וואָס האָט דאַן געהערשט.

דער אַרבעטער רינג איז פאַרבליבן ווי אַ לעבעדיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אינטערעסירט זיך און נעמט אַן אַקטיוון אנטייל אין אַלע פראַגן און פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות מיטן יידישן פאָלק און מיט אַלע פראַגן וואָס אינטערעסירן די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען ביי אונז אין לאַנד און איבער גאָר דער וועלט.

דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנגעלעס זינט דער גרינדונג פון ערשטן ברענטש, איז זייער פיין געוואָקסן. ער ציילט היינט צו טאָג אין און אַרום לאָס אַנגעלעס, אַ פאַמיליע פון איבער 3000 מיטגלידער.

צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון די מיטגלידער וואַקסן אויך אַרבעטער רינג אינסטיטוציעס, ווי דער גרויסער קעמפּ פאַר קינדער און פאַר דערוואַקסענע מיטגלידער; פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. אין יעדן דערעפנטן צענטער וועלן געוויס אויך זיך געפינען קינדער־שולן און אַ פלאַץ פאַר לעקציעס און אויפקלערונג אויף יידיש און דער פלאַץ וואו דאָס יידישע בוך און יידישע שריפטן וועלן פאַרשפרייט ווערן.

אין שייכות מיטן היינטיקן יום־טוב פון 25 יאָר עקזיסטענץ פונם ל. א. יידישן קולטור קלוב, דאַרף אַנגעוויזן ווערן אַז צווישן די בויער און טוער פון קולטור־קלוב געפינען זיך גאָר אַ היפּשע צאָל אַ. ר. מיטגלידער. זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט ווערן.

# דער אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

לויט אינפאָרמאַציע וואָס מיר געפינען אין געוויסע זשורנאַלן פון פאַר־באַנד, געפינען מיר אַז דער ערשטער צווייג פון פאַרבאַנד איז דאָ אין ל. א. אָרגאַניזירט געוואָרן אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן. דאָס איז געווען דער באָרוכאָוו צווייג 122, וועלכער איז פאַר אַן ערך פון 15 יאָר געווען דער איינציקער פאַרבאַנד צווייג דאָ אין שטאָט. אין דערזעלבער צייט איז דאָ אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּועלי־ציון פאַראיין — דער ברענטש איינס, אויך אין באָיל הייטס, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אייניקע יחידים קולטור־טוער געעפנט די ערשטע אידישע פאָלק־שול. פריער דאַון־טאַון און שפּעטער־צו אריבערגעפירט אין אַן אייגן הויז אויף 420 נאָרד סאָטאָ סט. עס רעדט זיך אָפּ גרינג: אַריבערגעפירט אין אַן אייגן הויז אויף סאָטאָ גאַס, וויסנדיק די צאָל טוער און זייער פינאַנציעלע לאַגע איז זיך גרינג פאָרצושטעלן וויפיל קרבנות און אידעאַליזם עס האָט זיך געפאָדערט דורכצופירן דעם פּלאַן צו קויפן די אַלטע הויז אויף סאָטאָ גאַס, וואָס האָט עפּעס געקאָסט אַ $5,000. די שולע האָט אויך געדינט ווי אַ קליינער צענטער פאַר די חברים פון פאַר־באַנד און די פּועלי־ציון. פאַר לאַנגע יאָרן זיינען דאָרט אויפגעפירט געוואָרן פאַרשידענע טעטיקייטן פון די אָרגאַניזאַציעס צוזאַמען מיט דער שול.

ביים אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן האָט די יידישע עמיגראַציע קיין קאַליפאָרניע פון אַנדערע שטאַטן אָנגענומען אַן אינטענסיוון כאַראַקטער, און עס האָבן אָהער אָנגעהויבן קומען יידן, אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, ניט בלויז צוליב דעם וואָס מען האָט געהאַט אַ שטאַרקע אמונה אין דעם קאַלי־פאָרניער קלימאַט; געגלויבט אַז די לאָס אַנגעלעסער לופט איז די אמתע תרופה צו קראַנקע הערצער אָדער לונגען, נאָר פּשוט געקומען, כדי זיך דאָ איינצו־אָרדענען און מאַכן דאָ זייער היים.

אָט־די ניי־אָנגעקומענע זיינען געווען גוטער מאַטעריאַל פאַר די יידישע אָרדנס. פילע פון אָט־די ניי־אָנגעקומענע זיינען שוין געווען פּאַרטיקע מיטגלידער פון די יידישע אָרדנס—אַרבעטער רינג, און אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. זיי האָבן זיך בלויז געדאַרפט טראַנספערירן אין אַ היגן צווייג אָדער „ברענטש." צווישן די דאָזיקע טראַנספערירטע מיטגלידער האָט מען אָפט געפונען באַוואוסטזיניקע און אַקטיווע טוערס פון זייערע „ברענטשעס" אין דער איסט, און זיי האָבן זייער אימפּעט און ענערגיע אַריבערגעטראָגן אַהער און האָבן דאָ זיך גאַנץ גיך איינגעלעבט געזעלשאַפטלעך.

אָט פון דער צייט קען מען טאַקע זאָגן אין אָט־די לעצטע 20־25 יאָר, טאַקע זינט דער ל. א. יידישער קולטור קלוב איז צום לעבן געקומען—וואָס איז אויך אַ ספּעציעל לאָס אַנגעלעסער דערשיינונג—וואו יידישע קולטורעלע מענטשן האָבן געזוכט פאַר זיך אַ ווינקל, וואו צו טרעפן זיך מיט מענטשן פון זעלבע נייגונגען און באַציאונגען צו זאַכן—אָט פון אָט־דער צייט הויבט זיך אָן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער וואוקס און שטייגן פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג בכלל.

אָט־די ניי־אַריבערגעקומענע האָבן אָנגעהויבן ערנסט רעדן פון איבער־בויען די אַלטע הויז פון 420 נ. סאָטאָ גאַס און אויסשטעלן אַ לייטישע געביידע מיט אַ זאַל פאַר פיר־פינף הונדערט מענטשן; אַן עס־צימער פאַר אַ פּאָר הונ־דערט מענטשן; לייטישערע קלאַס־צימערן, אז"וו. צוערשט האָט מען זיי אָנ־

געקוקט ווי משוגעים: ווי קאָן אַזאַ קלייזל קבצנים אונטערנעמען אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג פון אַ 15-20 טויזנט דאָלאַרן? אָבער וואָס מער מ׳האָט גערעדט פון דעם—אַלץ מער האָט מען אָנגעהויבן צו גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פראָיעקט. און ווען מען האָט ביי דער ערשטער פלאַניר־זיצונג אָנגעציילט אַ סומע פון $4,000 אין מזומן געלט און נדרים, זיינען די הענט פון די טוערס געשטאַרקט געוואָרן, און מ׳איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאַרטיק געוואָרן די פאָלקס־הויז אויף 420 נאָרד סאָטאָ גאַס.

דאָס איז געווען דער ערשטער שטויס צו גרעסערע מעשים. אַרום דער הויז האָבן זיך גרופּירט אַלע אַקטיוויטעטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און פון דער שטאָט בכלל. אַלע וויכטיקע אונטערנעמונגען, אַלע געסט לעקטשורערס, טעאַטער פאָרשטעלונגען, באַזאַרן, אז״וו, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פאָלקס־הויז. די טוער אַרום דער פאָלק־שול האָבן אַפילו געהאַט דעם מוט צו עפענען אַ צווייטע שולע אין סיטי טערעס, וועלכע איז צו יענער צייט געוואָרן גאַנץ דערפאָלגרייך. אַרום יענער צייט איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן דער צווייטער פאַרבאַנד צווייג אין שטאָט: דער שלום־עליכם צווייג. דער דאָזיקער ניי־אָרגאַניזירטער שלום־עליכם צווייג עפנט אויך אַ דריטע שולע, אַרום זייער צווייג אין וועסט־עדעמס. די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע פאַרמעסט זיך אויך צו בויען אַ פאָלקס־הויז, פאַר וועלכן זי פאַרמאָגט נאָך איצט אַן אָפּגעצאָלטן „לאָט״ און וואַרטן נאָר פאַר מער נאָרמאַלע צייטן צו קאָנען בויען.

און אַזוי מיטן וואוקס פון דער שטאָט און מיטן אויפקומען פון נייע יידישע קוואַרטאַלן, האָט מען דאָרט געבויט צווייגן און אינסטיטוציעס. אַזוי איז עטלעכע יאָר שפּעטער ווידער געעפנט געוואָרן די סיטי טערעס פאָלק־שול, דאָרט אָרגאַניזירט דעם אַלבערט איינשטיין צווייג פון פאַרבאַנד, און קירצלעך מיט דער הילף פון מר. אפּרייט, דאָרט אויך געשאַפן די פּראַכטפולע פאָלקס־הויז. די לעצטע צען יאָר איז שוין דער פאַרבאַנד דאָ געגאַנגען מיט מער ראַשיקע שריט, און חוץ די דערמאָנטע 3 ברענטשעס זיינען שוין אָרגאַניזירט געוואָרן גאַנצע 6 נייע ברענטשעס: דער וויצמאַן בר., דער זאַלצמאַן בר., דער הירשביין בר., דר. הערצל בר., בראַנדייס בר—אַן ענגליש־שפּרעכנדיקער.

די פאַרבאַנד מיטגלידערשאַפט גרייכט איצט ביי 1200. דאָס איז באמת אַ גוואַלדיקער שפּרונג פון די דערמאָנטע פופציק מיטגלידער אין 1928.

דאָס דערנענטערן פון די ברייטערע יידישע מאַסן צום יידישן אָרגאַניזאַציאָנס וועזן איז בכלל אַ געווינס און אַן אויפטו פאַרן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. באַזונדערס איז עס ריכטיק בנוגע דעם פאַרבאַנד, די אָנפירנדע חברים פון פאַרבאַנד האַלטן עס פאַר זייער חוב צו באַקאַנען אָט־די אַלע ניי־צוגעקומענע מיט די אידייען און שטרעבונגען פון דער אָרגאַניזאַציע, און מען זוכט זיי צו מאַכן פאַר באַוואוסטזיניקע יידן, סיי בנוגע אונדזער קהילה לעבן, סיי בנוגע אונדזערע גרעסערע פאָלקס־אינטערעסן אויפן נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן געביט.

אַ גאָר וויכטיקן אויפטו פון פאַרבאַנד צוזאַמען מיט די אַנדערע טיילן פון דער אַרבעטער ציוניסטישער באַוועגונג איז, דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, וואָס איז לעצטן אויפגעבויט געוואָרן אויף דער דריטער גאַס אַרום

פעירפעקס געגנט. די געביידע האָט געקאָסט אַרום 150 טויזנט דאלער. עס איז דאָ אין זשורנאַל אַ באַזונדער אַרטיקל וועגן דעם אינסטיטוט. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו ציען אַ פּאַראַלעל צווישן דער ערשטער פאָלקס־הויז אויף סאַטאַ גאַס און דעם אינסטיטוט אויף דריטע גאַס. מיט וואָס פאַר אַ מורא מען איז דאַן מיט אַ 25 יאָר צוריק צוגעטראָטן איבערצובויען די פאָלקס־הויז— אַן אונטערנעמונג פון 15 טויזנט דאלער, און מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט די זעלביקע חברים זיינען צוגעטראָטן צו אַ פּראָיעקט פון 150 טויזנט דאלער! דאָס גיט אונז אַ בילד פון דעם פאַרנעם און וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע.

---

# יידישער פאָלקס־אָרדן

דער יידישער, פּראָטוירנאַלער פאָלקס־אָרדן, ווי די אַנדערע אַרבעטער אָרדנס, חוץ די פאַרזיכערונג פּאָליסיס און קראַנקן־בענעפיט, פירט ער דאָ אויך אָן מיט פאַרשידענע קולטור־טעטיקייט אין אַלע זיינע ברענטשעס.

אין פּראָגראַם פון זיין קולטור טעטיקייט פירט ער דורך געדענק־אָוונטן פון די יידישע קלאַסיקער. צום קומענדיקן זמן, צוליב דעם 100 יאָריקן געבוירן־טאָג פון י. ל. פּרץ, וועט דער באַוואוסטער טאַנץ־קינסטלער און אַרטיסט, בנימין צמח, אויפפירן אַ „שנירל פּערל,״ אַ שפּיל באַזירט אויף י. ל. פּרץ'ס שאַפונגען.

אַ כאָר פון אַרום 40 יונגע זינגער, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם טעאַטראַל סאָני וועיל. דער כאָר, בעסער באַקאַנט, ווי די „פּראָטוירנאַל סאָנג־סטערס״ איז אַ פּראָדוקט און אונטער דער השפּעה פון דעם פאָלקס־אָרדן.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז ביים אָרדן זיינען פאַראַן אַ 4 גרופּן יוגנטלעכע, באַקאַנט אונטערן נאָמען „יונג פּראָטוירנאַליסט״. די יוגנט־גרופּן פאַרנעמען זיך מיט דראַמאַ, טאַנץ, ספּאָרט און אַ לערן־פּראָגראַם וואָס נעמט אַריין: יידישע געשיכטע, סאָציאַלע שמועסן און טאָג־טעגלעכע געשעענישן אין דער יידישער און אַלגעמיינער וועלט.

אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט האָט דער פאָלקס־אָרדן געמאַכט אַ באַדייטנדיקן ביישטייער צו אַלע קאַמפּיינס אָנגעפירט פון קאָמיוניטי קאָנסל דאָ אין שטאָט. אויך צוגעטראָגן זיין אַקטיוון חלק אַרבעט פאַרן סאַנאַטאָריום אין דואַרטי, מט. סיני האָספּיטאַל און קליניק.

אין ל. א. פאַרמאָגט דער פאָלקס־אָרדן היינט־צו־טאָג 24 ברענטשעס, פון וועלכע 11 זיינען ענגליש רעדנדיקע. זיין גאַנצע מיטגלידערשאַפט אין ל. א. ציילט זיך איצט אַרום 5400. דער עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פונם היגן אָרדן איז איצט סיידי דאָראָשקין, און דער בילדונג דירעקטאָר, ד״ר סענפאָרד גאָלדנער.

אָנהויב 1951 איז דער פאָלקס אָרדן, די ברענטשעס, ווי אויך זיינע שולן, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פונם קאָמיוניטי קאָנסל, צוליב פּאָליטישע טעמים.

# קינדער־שולן ביים יידישן פאָלקס־אָרדן אין לאָס אַנגעלעס

מיר גיבן דאָ אַ באַזונדערן באַריכט פון די פּראָגרעסיווע יידישע שולן אין ל. א. ביים אָרדן, מחמת די אָרדן־שולן, זינט לעצטן יאָר אָן, געפינען זיך ניט מער אונטער דער השפעה פון דער ל. א. ביוראָ פאַר יידישער דערציונג.

מיר האַלטן, לכן, פאַר אונדזער חוב אויף דעם סעקטאָר פון יידישער דערציאונג ניט פאַרפעלן צו פאַררעגיסטרירן אין די בלעטער צו דער געשיכטע פון קולטור און דערציאונג אין אונדזער ישוב. רעדאַקציע

די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער־שולן אין לאָס אַנגעלעס זיינען אַלט געוואָרן 25 יאָר. דורך די אַלע יאָרן זיינען די קינדער־שולן געטריי געבליבן זייערע גרונט־פּרינציפּן פון זיין יידיש־וועלטלעכער און אַרבעטער קינדער־שול.

די קינדער־שולן האָבן זיך דערוואָרבן אַ הערלעכע רעפּוטאַציע אויפן געביט פון זייער הערציאונגס־אַרבעט און איז, זינט די לעצטע יאָרן, אויסגעוואקסן צו אַ גרויסער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין ל. א.

ס'זיינען היינט פאַראַן 9, 3־טעגיקע שולן און 3 זונטיק־שולן און געפינען זיך כמעט אין יעדן קאָמפּאַקטן יידישן געגנט פון שטאָט. פאַר די עטלעכע וואָכן זינט דער נייער זמן האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָבן זיך שוין רעגיסטרירט איבער 3 הונדערט קינדער אין די שולן, און האָפן צו דערגרייכן אַרום 750 קינדער צום סוף אָקטאָבער.

די לימודים אין די שולן באַשטייען פון: יידיש, לייענען, שרייבן און רעדן, העברייאיש, יידישע געשיכטע און ליטעראַטור, יידישע און אַרבעטער העלדן, געזאַנג און די פייערונג פון אַלע יידישע און אַרבעטער יום־טובים. דער ציל פון די שולן איז צו דערציען די קינדער אין די שענסטע טראַדיציעס פון יידישן פאָלק כדי זיי זאָלן אויסוואקסן ווירדיקע יידן און פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער.

אַרום די שולן גרופּירן זיך אַ באַטדייטנדיקע צאָל עלטערן און טוער, צווישן וועלכע דעם אויבנאָן פאַרנעמען די יונגע ענגליש־רעדנדע מוטערס.

דער בודזשעט פון די שולן (פאַרן יאָר) באַטרעפט אַרום 22 טויזנט דאָלער און ווערט געשאַפן דורך דעם שכר לימוד און דורך אַקטיוויטעטן פון די שול־פאַרוואַלטונגען און די ברייט־האַרציקע שטיצע פון די פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. די שולן ווערן אָנגעפירט פון אַ צענטראַלער פאַרוואַלטונג אונטער דער אָנפירונג פון סעם אייבראַמסאָן, פּרעזידענט, און מיני פאָלער, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר, וואָס פאַרוואַלטעט אויך מיט דער צענטראַלער קאַסע פאַר אַלע שולן.

דער לערער קאָלעקטיוו באַשטייט פון א. לעכאָוויצקי, ריווע זאַלאַטאַרעף, אַלבערט ביטער, סאַני ווייל פאַר געזאַנג, סאבעל בענדער און א. מאַימודעס.

**א. מ.**

# דער וועג פון איקוף אין לאָס אַנגעלעס

## פון שלמה י. בעלסקי

דער פערצניאָריקער גאַנג פון איקוף איז אַ לאַנגער וועג פון עקשנות־דיקער אָנשטרענגונג באַרג אַרויף דער יידישער קולטור אַנטוויקלונג.

דער איקוף, וואָס זיין קולטור־גאַנג, זיין אָריענטאַציע איז צו ענטפערן אויף די נויטן פון די פאָלקס־מאַסן, האָט באַוויזן צו גיין פאָראויס דורך די אַלע שווערע, אָבער שעפערישע יאָרן.

עס זיינען געווען זייער שווערע אָבער לאַנגע שפּרייזן פאָראויס די אַלע דרייצן יאָר, וואָס עס גייט אַרויס דער פּראָגרעסיווער, מאָנאַטלעכער זשורנאַל „די יידישע קולטור". דאָס איז דער זשורנאַל, אויף וועמעס טויזנטער זייטן עס זיינען געדרוקט געוואָרן די בעסטע ווערק פון יידישע פּאָעטן, שרייבער און קינסטלער פון אַלע לענדער; אויף וועמעס טויזנטער זייטן עס זיינען פאַראייביקט געוואָרן די פּראָגרעסיוו־שעפערישע אידייען פון די בעסטע פון דער יידישער און וועלטלעכער אינטעליגענץ, — אַ זשורנאַל, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר דעם פיינסטן ליטעראַרישן זשורנאַל אין יידיש.

ס'איז שוין גאָר אַ גרויסער אויפטו צו אָנהאַלטן די אַלע יאָרן אַ יידישן פאַרלאַג, — ווען פּריוואַטע פאַרלעגער זיינען דאָך שוין ניט בנמצא און דער געזעלשאַפטלעכער פאַרלעגער גיט דאָך אויך אַרויס יידישע ביכער מיט נסי־נסים. דער איקוף פאַרלאַג האָט, מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, שוין ביז איצט ארויסגעגעבן איבער הונדערט וואָגיקע ביכער, און די ביכער ליגן ניט אויף די פּאָליצעס, די ביכער ווערן פאַרשפּרייט איבער אלע יידישע ישובים פון די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, דרום אַמעריקע, די אייראָפּייאישע יידישע קיבוצים און ישראל.

וואָלט געווען די מאַטעריעלע מעגלעכקייט, וואָלט די צייט געווען אַן אַנדערע, וואָלט דער לאָס אַנגעלעסער איקוף באַדאַרפט אַרויסגעבן אַ בוך, וועגן די פופצן יאָר טעטיקייטן זיינע, און אַ סך פון די אָנגעזעענע טוער פון לאָס אַנגעלעסער קולטור קלוב וואָלטן דאָרט זייערע חשובע נעמען געזען. אין דער ערשטער ריי, דער קולטור־טוער משה לייב קאָפּילאָוו, וואָס איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דעם היגן איקוף. אַזאַ בוך וואָלט געוויס פאַרנומען אַ גאָר חשובן אָרט אין דער געשיכטע פון די היגע קולטור־אינסטיטוציעס. אָבער אָן אַזאַ בוך קענען מיר בלויז פאַרצייכענען אונדזערע טיפע געפילן פון צופרידנקייט און שטאָלץ ווען מיר וואַרפן אונדזערע בליקן אויף

די אָפּגעטועגע אַרבעטן און די וויכטיקע דערגרייכונגען אויף די פֿאַרשיידענע געביטן פון אונדזר קולטור־אַרבעט דאָ אין שטאָט.

אַ באַזונדער פריידיק קאַפּיטל זיינען אונדזערע דרייצן לייען־קרייזן, וואָס טוען אָן אומגעהייערע קולטור־אַרבעט צווישן די פרויען, זייער קאָלעקטיוון לייענען און פאַרשפרייטן ביכער, זייער אומגעהייער וויכטיקע, געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פון ביישטייערונגען צו די קינדער־שולן רעהאַביליטאַציע־פאָנד און אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען.

מיר זיינען שטאָלץ אויף אונדזערע אויפטואונגען, ווי די קולטור־ימים־טובים, וואָס מיר אַראַנזשירן, די רעפעראַטן, סימפּאָזיומס איבער קולטור־ענינים, דאָס ברענגען צום עולם דעם שרייבער און זיין ווערק, אַרויסגעבן ביכער, אַרויסהעלפן אונדזערע קרובהשע אָרגאַניזאַציעס, ווי דעם פאָלקס־כאָר, די פאָלקס־בינע, די צוויייגן פון פאָלקס־אָרדן מיט קולטור־אַרבעט.

עס איז באמת געווען אַ גרויסע פרייד צו זען ווי אויפן רוף פון איקוף און דעם יידישן פאָלקס־אָרדן, זיינען געקומען די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָבן אָנגעפילט דעם גרויסן עמבאַסי אַדיטאָריום, צו פייערן דעם הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג פון אונדזער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור י. ל. פרץ, מיט דעם ספּעקטאַקל „אַ שנירל פערל” פון איטשע גאָלדבערג. דאָס איז געווען אַ יידישע קולטור־דעמאָנסטראַציע, וואָס וועט אַריין אין דער געשיכטע פון דער יידישער לאָס אַנגעלעס, ווי אַ גאָר גרויסער אויפטו.

דאָס איז ווייט ניט אַלץ, וואָס די איקוף טוער האָבן אין זייער קולטור־באַלעבאַטישקייט. ס׳איז נישט מעגלעך אין דעם באַשריינקטן פּלאַץ אַלץ אויסצורעכענען. נאָר נאָך איין זאַך מוז דערמאָנט ווערן, ווייל אָן דעם וועט נישט זיין קיין יידיש פאָלק און ממילא קיין — יידישע קולטור, און דאָס איז די אַרבעט פאַר שלום אויף דער וועלט. לעצטן יאָר האָבן מיר דאָ געהאַט אַ פּאָר סימפּאָזיומס וועגן דעם. מיר האָפן הייַנטיקן יאָר צו פאַרגרעסערן אונדזער טעטיקייט אויף דעם געביט — ווייל, וואָס קען זיין נאָך יידישער, נאָך קולטרעלער ווי שלום און פערקער־פאַרברידערונג.

אָט דאָס איז דער וועג, דער קולטור־שאַפערישער וועג באַרג אַרויף, אויף וועלכן עס גייט דער איקוף. דאָס איז ניט קיין גרינגער וועג, אָבער אַ וועג פון גלויבן אין מענטשן; גלויבן אין דעם כוח און צוקונפט פון יידישן מענטשן, זיין שפּראַך, זיין קולטור; גלויבן אינעם זיג פון שלום און סאָציאַלן יושר.

# אַ פֿאַרדינסטפֿולער יובילאַר

אַ פֿאַרדינסטפֿולער יובילאַר איז דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב, וועמעס פֿריינד מאַכן איצט הכנות צו פֿייערן זיין 25 יאָריקן יובל.

פֿינף־און־צוואַנציק יאָר טעטיקייט פֿון אַ יידישן קולטור־אַנשטאַלט איז אַלעמאָל אַ פֿריידיקע דערשיינונג, בפֿרט איצט, אין אַזאַ שטורמישער צייט, וועלכע האָט צעבראָכן און צעפּיצלט איינגעפֿונדעוועטע יידישע אינטיטוציעס, געבויט פֿון אונזערע יידישע פֿאָלקס־מאַסן, מיט שווערער מי און גרויס אָפּפֿער־ווילּיקייט.

אַ באַזונדער פֿרייד איז, וואָס אין דער איצטיקער עפּאָכע פֿון „פּירוד הלבבות" (צעשיידטע הערצער) און „שנאַת חנים" (אומזיסטער סינע), שטאַל־צירט דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב מיט זיין אָנפֿירן „איבער־פּאַרטייאישע" קולטור־אַרבעט, און רימט זיך צו האָבן געשאַפֿן דאָ אין שטאָט אַ היים פֿאַרן יידישן וואָרט, אַן אַדרעס פֿאַר דער יידישער קולטור; אַז ער היט אָפּ די ריינקייט פֿון דער יידישער פֿאָלקס־שפּראַך, שטיצט דער יידישער שול, פֿאַרשפּרייט דאָס יידישע בוך און פֿאַרנעמט זיך מיט אַ גאַנצער רייע אַנדערע וויכטיקע קולטור אַקטיוקייטן אין יידיש.

* * *

טראַדיציאָנעל איז דער פּיאָנערישער יידישער ישוב פֿון קאַליפֿאָרניע געווען איינער פֿון די ערשטע, אָדער טאַקע דער סאַמע ערשטער, צו פֿאַרבעטן אונזערע פֿאַרפֿאָלגטע און פֿאַראָרעמטע שוועסטער און ברידער אין מזרח־אייראָפּע, איינצוואַנדערן אין אַמעריקע, און ער האָט אָנגעבאָטן זיין מיטהילף זיי דאָ איינצואָרדענען. דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די מענטשלעכע געפֿילן פֿון דער קאַליפֿאָרניער באַפֿעלקערונג בכלל, וואָס אין איר אַנטוויקלונג האָבן זיך באַטייליקט, אַ חוץ געוואַגטע פֿאַרהאַרטעוועטע גאָלדגרעבער און גאָלדזוכער, אויך פֿיין־פֿילנדיקע זוכער פֿון אמת און רעכט, און צאַרטע סענטי־מענטאַליסטן, וועלכע לעכצן נאָך עכטקייט און נאַטירלעכקייטן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קאַליפֿאָרניער פֿאָלקלאָריסטישן עפּיזאָר פֿון „וויינענ־דיקן קינד."—

אויף אַ קאָנצערט אין קאַליפֿאָרניע, מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק, וואו ס'זיינען אויפֿגעטראָטן וועלט־באַרימטע קינסטלער—ווערט דערציילט—האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פֿון אַן עופֿהלע. עמיץ פּרוּווט דעמלט עס אַוועקנעמען פֿון קאָנצערט־זאַל. די גאָלדגרעבער דערלאָזן עס ניט. זיי פֿאָדערן מ'זאָל אָפּשטעלן דעם קאָנצערט, כדי זיי זאָלן קענען הערן די עכטע נאַטירלעכע שטים פֿון דעם וויינענדיקן קינד....

* * *

קאַמף פֿאַרן לעבן און געראַנגל צווישן גוט און שלעכט בושעוועט נאָך דאָ אין דער „דריטער אַמעריקע",ביים פּאַסיפֿישן ים, ווי אין דער „ערשטער אַמעריקע" ביים אַטלאַנטישן ים, און אין דער „צווייטער אַמעריקע" אַרום די

אַזוערעס פון „מיטל־מערב״, הערשט נאָך אַ געמיש פון ליכט און שאָטן: פון איין זייט ליבשאַפט צום אייגענעם פאָלק און צום אייגענעם מאַמע־לשון; שטרעבונגען צו פאַרפיינערן די יידישע פאָלקס־קולטור און מיטצוהעלפן בויען יידישע ליטעראַטור, און פון דער אַנדערער זייט: פאַראַכטונג און אָפּשפּאַטונג פונם יידישן וואָרט און פון דער יידישער פאָלקס־קולטור.

* * *

איך באַגריס דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב, וואָס שטרייכט אָן זיינע כוחות אויפצוהאַלטן די חשיבות פון אונזער מאַמע־לשון און אונזערע קולטור־שאַפונגען אין יידיש. כ׳ווינטש אים פון טיפן האַרצן צו זיין בכוח צו פאַרפילפאַכן זיינע קולטור־טעטיקייטן, און זיי זאָלן ברענגען נוצן אונזערע פּראָגרעסיווע יידישע פאָלקס־מאַסן און פאָלקס־קולטור.

מיט קולטור־גרוס און דרך־ארץ,

קלמן מרמר

---

## לייען־קרייזן אין לאָס אַנגעלעס

(קאַנסל פון די לייען־קרייזן ביים איקוף)

די לייען־קרייזן פאַרציכענען שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר פון זייער עקזיס־טענץ. דער געדאַנק צו בויען אַ לייען־קרייז אין לאָס אַנדזשעלעס האָט גע־בראַכט דער היגער שרייבער, ש. מילער, און אַ קליינע גרופּע פרויען, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די פאַרשטאָרבענע חברטעס: חוה בראַון און בעסי גאָלד, גרינדן דעם ערשטן לייען־קרייז, מיטן צוועק צו לייענען יידישע ליטעראַטור, דיסקוסירן און דערלערנען אונזער יידישע געשיכטע. דער לאָזונג איז געווען: זאָלן די פרויען זיך אויך פאַרנעמען מיט ערנסטע ענינים, מיט זעלבסט־בילדונג, כדי בעסער צו פאַרשטיין די אייגענע סביבה און זיך אַליין גייסטיק מער באַרייכערן.

די גרינדונג פון דעם לייען־קרייז איז געווען דער ערשטער שריט צו טאָן עפּעס פאַר זיך אַליין. קיינעם האָט זיך דעמאָלט אַפילו ניט געחלומט, אַז פון דעם ערשטן לייען־קרייז, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויפן נאָמען פון אונזער היגן באַוואוסטן דיכטער, ה. רויזענבלאַט, זאָל זיך צעוואַקסן אַזאַ ברייטע באַוועגונג פון לייען־קרייזן, וואָס פאַרנעמען איצט אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע אין אונזער פּראָגרעסיוון, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין יאָר 1936 ווערט פּראָקלאַמירט דער אַלוועלטלעכער קולטור־צוזאַמענפאָר אין פּאַריז. אין ניו־יאָרק ווערט פאַררופן אַ צוזאַמענפאָר פון גאַנצן לאַנד צו דערוויילן דעלעגאַטן צו דער פּאַריזער קולטור־קאָנפערענץ. דער ה. רויזענבלאַט לייען־קרייז און אַנדערע קולטור אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט דערוויילן דעלעגאַטן צום ניו־יאָרקער צוזאַמענפאָר. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1937, ווערט געבוירן דער איקוף.

אונטער דער השפעה פון איקוף ווערן נאָכדעם אָרגאַניזירט לייען־קרייזן אויף די נעמען פון מענדעלע מוכר־ספרים, משה לייב האַלפּערן, צבי הירשקאַן, דר. חיים זשיטלאָווסקי, ראובן ברײנין, און אַנדערע.

צוליב דעם וואָס ס'פאָדערט זיך מער פּלאַנמעסיקייט און קאָאָרדינאַציע אין דער קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון די לייען־קרייזן, ווערט געשאַפן אַ קאָונסיל פון די לייען־קרייזן ביים איקוף.

די לייען־קרייזן ווערן די אַספּיראַנטן פון דער יידישער קולטור און אָפּ־נעמער פון יידישן בוך. פאַר די פרויען זיינען די לייען־קרייזן אַ דערציאונג־שול, וואו מען לייענט ביכער פון יידישע שרייבער. עס ווערן אָנגעפירט דיסקוסיעס איבער פאַרשידענע קולטור און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. דאָס ברענגט אַריין אַ גייסטיקן אינהאַלט און פרייד אין דעם לעבן פון די פרויען. אין קורצן: די לייען־קרייזן זיינען געוואָרן די גייסטיקע היים פאַר דער פרוי, וועלכע לעבט זיך דאָרט אויס אין אַ געזונטער קולטור־סביבה, וואָס באַרייכערט און פאַרשענערט איר לעבן.

די צאָל לייען־קרייזן האָבן זיך איצט שטאַרק צעוואקסן איבערן גאַנצן לאַנד. כדי צו געבן דער אָרגאַניזאַציע בעסערע און טיכטיקערע פירער־שאַפט איז, ביים צוזאַמענפאָר פון די לייען־קרייזן אין שיקאַגאָ, אין 1946, פראָקלאַמירט געוואָרן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די לייען־קרייזן, מיט זיץ־פּלאַץ פאַר דער צענטראַלער פירערשאַפט אין ניו־יאָרק. היינט־צו־טאָג גרופירן זיך אין ל. א. אַרום איקוף, צוועלף לייען־קרייזן אויף די נעמען פון אָנגעזעענע שרייבער, דיכטער און קולטור־טוער. אַ טייל לייען־קרייזן באַ־שטייען פון פרויען און אויך מענער; דער ייִנגסטער, רעאָרגאַניזירטער, ראובן ברײנין קרייז, איז אַ צוויי־שפּראַכיקער. דער נייעסטער לייען־קרייז, וואָס האַלט זיך אין גרינדן, וועט באַשטיין פון בלויז יוגנטלעכע, אַמעריקאַנער־געבוירענע.

חוץ דער ברייטער ספּעציפישער קולטור־אַרבעט, וואָס די לייען־קרייזן פירן אָן, שטיצן זיי אויך פינאַנציעל אַ ריי קולטור אינסטיטוציעס, ווי די יידישע פאָלקס־בינע, יידישער פאָלקס־כאָר, די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער־שולן, דעם קולטור־צענטער אין סיטי טערעס, און אַנדערע. אַ גאַר באַזונדערע שטיצע זיינען די לייען־קרייזן פאַרן איקוף זיין ביכער־פאַרלאַג און דעם זשור־נאַל „יידישע קולטור.“ די לייען־קרייזן העלפן אויך ביים אַרויסגעבן און פאַר־שפּרייטן ביכער פון היגע יידישע שרייבער.

מיר האַלטן דעריבער, אַז יעדע יידישע פרוי און מאַן, וואָס האַלט טייער דאָס יידישע וואָרט און די יידישע קולטור, דאַרף זיך אידענטיציפירן מיט דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט, וואָס די לייען־קרייזן פירן אָן אויף דער יידישער גאַס, און דערמיט העלפן באַפעסטיקן און נאָך בעסער בויען אונדזער יידישן קולטור־בנין.

**נאַדיאַ לון**

פאַרזיצערין פון קאָנסל ביי די לייען־קרייזן
פון איקוף אין ל. א.

# זעלבסשטענדיקע לייען־קרייזן

